NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12887

IN NAYEM VEG

Ivan Andriienko

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-12887-2

9780657128876T.PS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

פיאָנערן־

שול

№ 86

Ea 22414



Ea 22415

שול־ און פּיאָנערן־ביבליאָטעק

איוואַן אַנדריִענקאָ

אין נײַעם וועג

ייִדיש — פּ. האָפּשטיין

דערלויבט פונעם מעלוכישן וויסנשאַפטלעך-מעטאָ־
דאָלאָגישן סעקטאָר צו באַנוצן אין די ביבליאָטעקן
פון די סאָצדערציִ-אַנשטאַלטן № 841 18/VII 1930

№ 86

מעלוכע־פאַרלאַג פאַר די נאַציאָ־
נאַלע מינדערהייטן און אוסר״ר

כאַרקאָוו 1932 קיִעוו

Ea 2241

שול- אונ פיאָנערנ-ביבליאָטעק

איוואַנ אנדרייִענקאָ

אינ נייַעמ וועג

ייִדיש — פ. האָפשטיינ

דערלויבט פונעם מעלוכישנ וויסנשאפטלעכ-מעטאָ־
דאָלאָגישנ סעקטאָר צו באנוצנ אינ די ביבליאָטעקנ
פונ די סאָצדערציִ-אנשטאלטנ № 841 18/VII 1930

№ 86

מעלוכע-פארלאג פאר די נאציאָ־
נאלע מינדערהייַטנ אינ אוסר״ר

כארקאָוו 1932 קיִעוו

די ביבליאָגראפישע פארצייכענונג
פונעמ בוכ אונ די שיפערנ פאר
ביבליאָטעק-קאטאלאָגנ זײַנענ אָפּגע-
דרוקט אינ „צײַטשריפט פונ דרוק“ אונ
אינ דעמ „קארטנ-רעפּערטואר“ פונ
דער אוקראַיִנישער ביכער-פּאלאטע

פאראנטוו. רעדאקטער—מ. קאמענטשטיינ
טעכנ. רעדאקטער—כ. ליומקיס
הילע געצייכנט—ע. היידלמאנ
קאָרעקטער—מ. דובינסקי
איבערגעגעבנ אינ זאצ 22—25/IV
דערלויבט צומ דרוק 32—3/VI
פאפיר 90×62 — 29 קג

אלוקר. פּאָליגראפּ. פאראייניקטנ
אינטערנאציאָנאלע דרוק. קיִעװ,
רויטער פּלאצ, 2a. באשט. 208—
3 000 עקזעמפּל. 7 דרוק-בויגנ.
אָבליט 9828(2787)

דער יאַם איז פאַריאָסעמט

א הויכער געלער פישער מיט א געשטופּלט פּאָנעם איז אַרײַן אין שטוב. ער האָט געמאַכט עטלעכע טריט צו דער באַנק מיט די שווער־געוואָרענע פיס, האָט לאַנג געזוכט אונטער זיך אַן אָרט מיט דער האַנט, קעדײַ אוועקלייגן דעם פאַרשמאָלצענעם הוט פון קעמלוואָל, און ערשט דאַן האָט ער א שווערן זיפץ געטאָן. זײַן פרוי דאַרקע, א דאַר ווײַבל, דערצו נאָך אויסגעצערט, האָט צוערשט ניט באַמערקט דעם מאַנס פאַרזאָרגטקײַט. זי האָט זיך געפּאָרעט אין א ווינקל צווישן אויוון און דער אַלטער הילצערנער בעט און גלײַכגילטיק געפרעגט:

— ווען קלײַבסטו זיך אַפן יאַם?

נאָר דער פאַרצניאָריקער יאַט, וואָס האָט לעבן טיש געפלאָכטן עפּעס א שטריקל פון אַלטן פלאַקס, האָט גלײַך באַמערקט דעם פאָטערס פאַרזאָרגטקײַט. ער האָט געמאַכט א באַוועגונג אָפּצוגיין פון טיש, און אַף זײַן מיִעסן בלאָנדן און קירפּאַטן פּאָנעם, וואָס איז געווען געדיכט פאַרזייט מיט זומער־שפּרענקעלעך, האָט זיך אויסגעדריקט א ביטע. אָבער זײַנע גרויע, שטענדיק ערנסטע אויגן האָבן באַגעגנט דעם פאָטערס פאַרדײַגעטן בליק, זײַנע שווערע באַוועגונגען, און די ביטע, וואָס האָט זיך באַם יאַט שיר פונעם מויל ניט אַרויסגעריסן, איז געבליבן שטעקן אין האַלדז. דער יאַט האָט זיך געדרייט אַרום דעם פּאָטער, אים אויפמערקזאַם נאָכגעקוקט און ערשט נאָכדעם, ווי די מוטער האָט זיך אָפּגערופן, האָט ער זיך ווידער גענומען פאַר זײַן שטריקל.

גריגאָר נעשטשאַדים האָט ניט באַלד געענטפערט דער פרוי. ער האָט אַפריִער א קראַץ געטאָן די פּאָטיליצע און האָט א קרעכץ געטאָן — „עכ", און דאַן ערשט האָט ער כמורנע אין א זײַט א זאָג געטאָן:

— מיר וועלן היינט אינגאנצן ניט פאָרן.

דארקעס ברעמענ האָבן פארוואונדערט אונטערגעשפארט די געדיכטע קנייטשן אפן שטערן.

— פארוואָס? דו האָסט זיך דאָך געקליבן.

— א פארשלעפעניש! וואסיל איז אזוי קראנק, אז ער שטייט ניט אוף.

נעשטשאדימ האָט זיך אופגעהויבן און האָט פארזאָרגט דורכגעשפאנט איבערן שטוב.

— און דאָ פונקט איז אזא גוטער וועטער. אפ די האטשעקעס איז געוויס דאָ פיש. צוויי טעג שטייען זיי פארשאָטן *). אָט א קאָפּ־דרייעניש! מע דארף געלט, און אינ קאָאָפּעראטיוו גיט מען ניט: פאר די צוגעשטעלטע פיש שוין אָפּגענומען אינגאנצן.

די פרוי האָט געייצעט:

— גיב א בעט שוועדונען אָדער מאָקריען, מ׳זאָל מיט דיר א לויפ טון ארויסציען די האטשעקעס מיט די נעצן.

גריגאָר איז בארויגעז געוואָרן.

— סא, כאכאָמע דו ביסט! כ׳האָב שוין אָן דיר געבעטן. שוועדון איז היינט געפאָרן מיט די נעצן, און מאָקרי איז נאָך פון נעכטן אָן אפן יאם. האָסט געזען, אז א פישער זאָל ארומשפאצירן אין אזא זעלטענעם טאָג? גיי ארום איבערן גאנצן דאָרף, וועסטו קיינעם ניט געפינען. ע — עכ, א פארשלעפעניש! סע גייט ניט.

דער פישער האָט ארומגעשפאנט איבערן צימער אהין און צוריק.

— און פיש איז זיכער פאראן. מאָרגן קאָן זיך דער ווינט בייטן, ער קאָן ווערן שטארקער, וועסטו זיך אהין ניט דערקלייבן. וואָס וועסטו מיט אים מא...

נעשטשאדימ האָט ניט פארענדיקט, ער האָט זיך א דריי געטאָן אפ די אָפּצאסן און האָט זיך אָפּגעשטעלט פאר דער פרוי.

— איך וועל, ווייזט אויס, דיך מוזן מיטנעמען, — און אָפּמעסטנדיק מיט די אויגן איר מאָגער געשטאלט, האָט ער צוגעגעבן:

*) פארשיטן — הייסט שטעלן נעצן אָדער האטשעקעס.

— כאָטש צאָרעס וועל איך דאָרט האָבן פון דיר, אָבער מיר וועלן ווי ס'ניט איז ארויסקריכן.

דארקע האָט נאָכגעבּיק א נויג געטאָן דעם קאָפּ.

— פון מײַנעטוועגן... אָבער ערשט מאָרגן נאָכן אָנבּײַסן, איך האָב פאראָשטשינעט ברויט. כ'וועל פארטאָג אָפּבאקן.

— פארטאָג מוז מען שוין דאָס געפּעס ארויסציִען *).

— וואָס־זשע טוט מען מיטן ברויט?

— דו ווייסט די דייזשע ארויסטראָגן אין קעלער.

גריגאָר האָט מיט די פינגער צעקעמט זײַן באָרד, וואָס איז געווען געדיכט ווי א טרוקענער וויכאָט פון יאַמ־גראָז, וואָס שטייט צו צום קיל **) פון בּארקאס, און האָט א ווײַלע געקוקט אַפּ דער סטעליע, דערנאָך האָט ער אריבּערגעפירט זײַן בּליק אַפּן זון.

— עפּשער גאָר פּרוּוון מיט טימאָשען, סײַווי וועט אלציינע הילף זײַן.

דארקע האָט א שפּאן געטאָן צום מאן און האָט פּראָטעסטירט.

— מיטן קליינעם? און אין אזא ווײַט? די נעצן זײַנען דאָך פאַרשאָטן אַפּ א שטרעקע פון אכצן ווערסט.

נעשטשאדים האָט אָבער זי שוין ניט געהערט. ער איז מיט־אמאָל פריילעכער געוואָרן, ער איז צוגעגאנגען צום זון און האָט אים א פּאטש געטאָן איבּער דער פּלייצע.

— האָ! וואָס פאר א קליינער איז ער! שוין א געזונטער יאט!

טימאָש האָט פארגעסן וועגן זײַן בּיטע. די צען קאָפּיקעס, וואָס ער האָט געוואָלט באַם טאטן אויסבּעטן, זײַנען אים ארויס־געפלויגן פון קאָפּ. ער איז רויט געוואָרן בּא דעם פאָטערס לויבּ־ווערטער, און א פריידּ האָט זיך צעשפּילט אין זײַנע ערנסטע אויגן.

— מירן פאָרן, טאטע, איאָ?

און קעדיי דער פאָטער זאָל ניט כאראָטע האָבּן, האָט ער אים אָנגעכאפּט בּא דער האנט און האָט לעבּעדיק ווײַטער גערעדט:

*) געפּעס — א ריי האטשעקעס.

**) קיל — דער אונטערשטער טייל, דער גרונט־טייל פון שיף.

— איכ קאָנ האלטנ דעמ רודער, איכ קאָנ האלטנ די זעגלענ. מירנ פאָרנ? די מאמע דארפ דאָכ באקנ ברויט.

נעשטשאדימ האָט טרויעריק א שמייכל געטאָנ.

— יאָ, ווײַזט אויס, אזוי. וואָס קאָנ מענ טונ, אז וואסיל איז קראנק געוואָרנ?

די מוטער האָט ווידער געפרוווט דערווידערנ:

— אונ ווער וועט ארבעטנ מיטנ באגאָר?*) דאָס קינד האָט נאָכ אפילע אינ די הענט קיינ באגאָר ניט געהאלטנ.

— ער וועט שוינ ווי ס'ניט איז ארבעטנ מיטנ באגאָר,—האָט דער פאָטער א מאכ געטאָנ מיט דער האנט.—אונ דו האָסט אימ אָפט געהאלטנ אינ די הענט?

ער האָט זיכ אנטשיידנ אויסגעדרייט צו דער באנק, גענומענ דעמ הוט אונ האָט א געשריי געטאָנ צומ יאט:

— קלײַב זיכ, טימאָשע! מיר גייענ באלד צומ ברעג.

— דו האָסט דאָכ ערשט צו פארטאָג זיכ געקליבנ?—האָט זיכ די מוטער געכידעשט.

— אויב ס'קומט שוינ אזוי אויס, אז איכ לאָז זיכ מיטנ יאט, וועל איכ פארנאכט ארויסשפרינגענ אפ דער קאָסע אונ וועל איבערנעכטיקנ אפנ מיס. פונדאָרטנ איז נעענטער,—האָט נעשטשאדימ געענטפערט אונ איז ארויס אינ הויפ ארײַנ.

טימאָשענ האָט זיכ געדאכט, אז ער איז מיטאמאָל אויסגעוואקסנ אפ א גאנצנ קאָפ. וואָס הייסט, מע וועט דאָכ טאקע אפדערעמעסנ ארויספאָרנ! ברעכנ די האטשעקעס! דידאָזיקע ארבעט פילנ דאָכ אויס נאָר דערוואקסענע פישערס. אונ דער יאט איז פונקט אינ דעמ עלטער, ווענ ס'ווילט זיכ ארויסווײַזנ פאר א גרויסנ.

אפנ יאמ איז אימ אויסגעקומענ צו זײַנ: ער איז פונ צײַט צו צײַט געפאָרנ מיטנ פאָטער אינ שטעטל. איינמאָל נאָענט לעבנ ברעג אָנגעטראָפנ אפ א פיש־פאנג. עמעס, געכאפט פיש האָבנ דער פאָטער אונ דער פעטער וואסיל, אונ ער האָט נאָר געקוקט, וויאזוי מע טוט עס.

*) באגאָר — א לאנגער שטעקנ מיט א קריוק אפנ עק.

און אָט איצטער לאָזט ער זיך אױף אַן עמעסער אַרבעט. ער װעט זײַן מיטן פֿאָטער אױפֿן באַרקאַס, פּונקט װי זײַנער אַ גלײַכן — װי אַן עמעסער פֿישער. און דער איקער — ער װעט קומען צו הילף, מע װעט אױף אים לײגן אַכט, װי אױף אַ דערװאַקסענעם, װי אױף אַ נוצלעכן פֿאַמיליע מיטגליד.

טימאָשעס גאַנצער װעזן איז פֿול געװאָרן מיט שטאָלץ. דאָס ייִנגל האָט סאָליד אױף זיך אָנגעצױגן עפּעס אַלטװאַרג, און צו־גײענדיק צום טיר, האָט ער אױף צוריק געװאָרפֿן אַ פֿאַרזאָרגטן בליק (דער פֿאָטער טוט עס אַזױ שטענדיק) — צי האָט ער, הײסט עס, גאָרניט פֿאַרגעסן. דאַן איז ער אַרױס פֿון שטוב. די מוטער האָט מיט זאָרג עטלעכע מאָל אַ זיפֿץ געטאָן.

אַז זײ זײַנען פֿאַרבײַ דעם דאָרף געגאַנגען צום ברעג, האָט טימאָשע געשפּאַנט נאָכן פֿאָטער מיט אַ שטאָלצן אױסזען און זיך באַמיט אַזױ עס טון, װי עס טוען עס דערװאַקסענע פֿישערס: זיך געהױדעט שװער מיטן טולוף.

די יאַטלעך, זײַנע כאַװײרים, װאָס האָבן אים אָפּגעשטעלט אױפֿן װעג, האָט ער שטאָלץ מיט אַ באַס געזאָגט:

— מיר פֿאָרן אױך אױף יענער זײַט קאָסע ברעכן די האַטשעקעס.

— געלער שעד! — האָבן זיך די יאַטן מיט אים גערײצט.

אַן אַנדערש מאָל װאָלט אים זײער פֿאַרדראָסן דאָס רײצן. ער װאָלט פֿאַרפֿירט אַ געשלעג, זיך נױקעם געװען פֿאַר אַזאַ באַלײדיקונג, אָדער זידלענדיק זיך, װאָלט ער פֿאַרדעקט די געדיכטע קלײַען אױפֿן פּאָנעם און װאָלט אװעקגעשפּאַנט ערגעץ אין אַ הינטערגעסל. איצט האָט ער דערױף ניט געלײגט קײן אַכט און האָט מיט ביטל זיך אױסגעשפּיגן.

קעדײ דעם פֿאָטער צופֿרידנשטעלן, האָט טימאָשע פֿלײַסיק געאַרבעט באַם ברעג, צוגעגרײט דעם באַרקאַס צום אָפּשװימען. ער האָט אױסגעשעפּט דאָס װאַסער, האָט פֿאַנאַנדערגעבונדן די צונױפֿגעװיקלטע זעגלען, און אַז מע האָט זיך גערירט פֿון אָרט, איז ער אַרײַנגעשפּרונגען אין װאַסער און האָט אָנגעהױבן אָפּשטופּן די שיף פֿון ברעג. אַז ער האָט עפּעס ניט ריכטיק געטאָן, האָט דער פֿאָטער אױף אים אָנגעשריִען װי אױף אַ דערװאַקסענעם:

— גוילעם, אָט אזוי ביגדט מען צו א שקאָט*)? אנו, ריר זיך גיכער! פון וואָסער זײַט שטופסטו? גיי צו דער קאָרמע**).

דעם ייִנגל איז אנגענעמ געווען צו הערן דעם פּאָטערס אויסגעשרייען: מע לייגט אפ אים אכט. ער איז אן עמעסער געהילף. און שוין זיצנדיק אין באַרקאַס איז אים פון די ווײַ־טערדיקע געדאנקען, וואָס האָבן זיך איבערגעפלאָכטן מיט דײַ־געס, נאָך אנגענעמענער געוואָרן.

ער איז א דערוואקסענער. ער וועט העלפן אין דער פּי־שערײַ... וואָלט ער נאָר איצט זיך גוט ארויסבאוויזן, וואָלט דענסטמאָל דער טאטע ניט ארומגעגאנגען אזוי כמורנע. אזוי איז ער שטענדיק אין קאס, אז דער דאלעס דערגייט די יאָרן, מע שלאָגט קוים אויס די הויצאָע.

„ניטאָ קיין הילפ פון אייגענע. עפּעס אפ א טויזנט שטיק האטשעקעס דארפ מען זיך אויך שפּאנען מיט עמעצן“, איז אים אין זיקאָרן אופגעקומען דעם פּאָטערס אָפטע רייד.

איצט וועט ער שוין זײַן א פּישער, ווי דען — ער איז דאָך שוין א גרויסער!

און דאָס ייִנגל האָט אויסגעצויגן די הענט, נאָך ניט קיין שטארקע, ניט אינגאנצן קיין שטײַפע, נאָר וואָס וואקסן אין דעם עלטער פון די ארבל ארויס.

דער פּאָטער האָט אים איבערגעריסן זײַנע געדאנקען.

— קריך ארײַן אין באַק און שלאָפּ זיך אביסל אויס. מיר האָבן נאָך מער פון א שאָ ביזן מיס אפ דער קאָסע, — האָט ער א געשריי געטאָן פון דער צווייטער זײַט שיפּ, ווו ער האָט מיט איין האנט צוגעהאלטן דאָס הענטל פון רודער און מיט דער צווייטער — דאָס שטריקל פון עק שקאָט.

אָבער טימאָשען גייט ניט קיין שלאָפּ. ער האָט זיך ברייט צעזעצט אפ דער פּעדערשטער טייל פון באַרקאַס, האָט פארלייגט א פוס אפ א פוס. אזוי, האָט ער געזען, טוט דער פּעטער וואסיל,

---

*) שקאָט — די שטריק, וואָס ציט צו דעם הינטערשטן עק פון זעגל צום באָרט, צום ראנד פון שיפּ.

**) קאָרמע — דער הינטערשטער טייל שיפּ.

אונ מיט אנ ערנסטנ אָנגעשטרענגטנ בליק האָט ער געקוקט אפנ קיל פונ בארקאס, פונקט ווי פונ זײַנ אכטונג געבנ איז אָפגעהאנגענ דער גאנצער גאנג...

נעשטשאדימ האָט זיכ זײַנע מאכשאָוועס. זיי שווימענ אינ זײַנ קאָפ פונקט ווי כוואליעס אונ האָבנ גאָר קיינ ברעג ניט.

איכ וועל האָבנ צאָרעס באמ ברעכנ די האטשעקעס. ניט איינ פיש וועט אוועק אינ יאמ. עכ — א לעבנ! געמוזט נעמענ דאָס קינד אינ יאמ... ווענ וועט שוינ בעסער ווערנ? דו האָרעוועסט, האָרעוועסט פונ קינדווײַז אָנ, אונ דער דאלעס שלינגט אײַנ אלצ. אָט דארפ מענ קויפנ שיכ פארנ קליינעמ — ער וועט דאָכ ווינטער ניט גיינ באָרוועס — אונ פונוואנענ וועסטו נעמענ, אז אפ איינ געפעס שפאנסטו זיכ אײַנצווייענ. קאָנ דענ קלעקנ אפ צוויי מישפאָכעס? אנ אומגערעטעניש — ברויט איז טײַער, אלצ איז טײַער. עכ! ס׳גייענ דאָרט קלאנגענ וועגנ קאָלעקטיוונ, אָבער קיינער בא אונדז אינ דאָרפ נעמט זיכ ניט צו דעמ. כאָטש א קוק טונ אפ זיי, עפשער טויג עס טאקע. סע ארבעט דאָכ א קאָמונע אפ דער ערד, אונ מע זאָגט גאָר נישקאָשע. עפשער וואָלטנ אונדז כאָטש די קאָלעקטיוונ ארויסגעשלעפט פונ דער קאטאָרזשנער ארבעט, פונ דער טאָג־טעגלעכער נויט...

גענעכטיקט האָבנ זיי אפנ מיס אינ בארקאס, צוגעפעסטיקט אימ צומ ברעג, אונ טימאָשע איז נאָכנ קיינמאָל אזוי זיס ניט געשלאָפנ, ווי אָט די נאכט.

אופגעכאפט האָבנ זיי זיכ זייער פרי, ווי ס׳איז נאָר אריבער האלבע נאכט. ווי נאָר טימאָשע האָט פאנאנדערגעריסנ די פארשלאָפענע אויגנ, האָט ער דערהערט דעמ פאָטערס פארדײַגעט בורטשענ. נעשטשאדימ איז אומגעגאנגענ אפנ ברעג, האָט זיכ אָנגעבויגנ צו די כוואליעס אונ האָט זיכ צוגעהערט אָדער האָט אונטערגעשטעלט דעמ פאָנעמ אנטקעגנ דעמ מײַסטראָ*).

— דער מײַסטראָ וועט זיכ צעהוליענ — דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג. אָדער פארטאָג, אָדער אז די זונ וועט אופגיינ.

*) מײַסטראָ — צאָפנ־מײַרעוודיקער ווינט.

ער האָט פאַריסנ דעם קאָפּ אינ דער הייכ אונ האָט לאַנג געקוקט אינ דער ווײַט אפנ טונקעלנ האָריזאָנט, וואָס איז געווענ געדיכט פאַרזייט מיט ווײַטע ברענענדיקע שטערנד־לעכ.

— אָדער ער וועט זיכ אײַנגאַנצנ צעלאָזנ, אָדער ער וועט א ווילדע א שפּאַס טונ. גלײַכ ווי ניט ער איז עס — די שטערנדלעכ זײַנענ אזוי לויטער...

מיט אזעלכע געדאַנקענ האָט דער פאָטער א רופ געטאָנ דעם זונ.

— לאָמיר גיכער רירנ פונדאַנענ, מיר זאָלנ ביז פאַרטאָג זײַנ אפנ אָרט! עפּשער וועלנ מיר ביז זונ־אױפגאַנג באַווײַזנ אופּברעכנ דאָס געפּעס.

איז מענ געשווומענ: דער פאָטער אפנ הינטערשטנ טייל לעבנ רודער, אונ דאָס ייִנגל פונפאָרנט אפ דער פּראָווע, ווײַל ער האָט באַקומענ א באַפעל: קוק זיכ אײַנ שאַרפ פאָרויס, מ׳זאָל ניט דורכשפּרינגענ פאַרבײַ דעם בויאָק*).

טימאָשע האָט זיכ אַריבערגעבויגנ איבערנ קיל אונ האָט פלײַסיק אויסגעפילט דעם פאָטערס אָנזאָג — די אויגנ האָבנ אים אזש אָנגעהויבנ וויי טאָנ פונ אָנשטרענגונג, ווײַל ווײַט ווײַטער דענ זענ אינ דער שטאָק־פינצטערניש, ווו ס׳באַוועגנ זיכ שווער אײַנטאָניקע, קאַם גלאַנצנדיקע יאַם־כוואַליעס. ער האָט מוירע געהאַט אויסדרייענ דעם קאָפּ, ער זאָל ניט דורכלאָזנ דעם בויאָק. ס׳ווײַזט אויס, אז א בליק פונ א געניטנ פישער איז שאַרפער פונ א יונגנ, גאָרניט דערפאַרענעם בליק. טימאָשע האָט, דאַכט זיכ, גאָרנישט דורכגעלאָזט, ווענ ס׳האָט זיכ דערהערט דעם פאָטערס שטימ:

— לאָז אראָפּ די זעגלענ! געקומענ!

דער יאַט האָט געגישטערט מיטנ בליק אהינ, אהער, ער האָט אָבער גאָרניט געזענ אינ יאַמ. לאַנג קוקנ קאָנ מענ ניט, ווײַל

---

*) בויאָק — א שווים־העלצל אָדער א פאַס, וואָס דינט אלס צייכנ, ווו עס ליגט דער אַנקער, אָדער ווו עס שטייענ נעצנ. א צייכנ אפנ וואַסער.

די ארבעט ווארט. ער האָט אפגיכ אָנגעהויבנ פאנאנדערלאָזנ די גינדאציע *) פונ זעגל־בוים.

ערשט דאנ, ווענ דער זעגל איז שורשנדיק געפאלנ אינ דער ברייט פונ באַרקאס, האָט טימאָשע באמערקט א טונקעלע שמאטע, וואָס האָט זיכ געבאָמבלט אפ א שטעקנ, וועלכער האָט ארויסגעשטעקט פונ וואסער. דאָס איז געווענ דער בויאָק.

וויַט אינ מיזרעכ־זיַט האָט דער האָריזאָנט פאנאנדערגעשפרייט א העלע דעק, אונ ס׳האָט אָנגעהויבנ טאָגנ.

נעשטשאדימ האָט זיכ גענומענ פאר די וועסלעס. דער באָכער האָט זיכ א כאפ געטאָנ.

— טאטע, איכ וועל שיפנ.

ס׳וועט פאר דיר אויכ קלעקנ ארבעט,— האָט דער פאָטער א שמייכל געטאָנ.

ער איז צוגעשווומענ צומ בויאָק אונ האָט אימ אָפגעבונדנ. דערנאָכ האָט ער אָנגעטאפט אינ וואסער דעמ שפיצ פונ דעמ געפעס. ער האָט אָנגעהויבנ ארויסציִענ דעמ לעצטנ שיפ־אנקער פאר א געפלאָכטנ קייטעלע. ער איז אָבער געווענ טיפ איַנגעגראָבנ אינ גרונט אונ איז, וויַזט אויס, פארשווענקט געווענ מיט זאמד — אונ האָט זיכ בעשומויפנ ניט אונטערגעגעבנ.

— העלפ אויכ, באָכערל,— האָט דער פאָטער דערלאנגט טימאָשענ אַנ עק שטריקל.

דער יאט האָט זיכ א ריס געטאָנ פונ אָרט אונ האָט זיכ אָנגעכאפט אָנ דער שטריק. ער איז אָבער געווענ צו שוואכ.

— מיט וואסילנ איז גאָר עפעס אנדערש, אונ מיט אימ וועלנ מיר ניט ארויסקריכנ,— האָט נעשטשאדימ א קלער געטאָנ אונ האָט זיכ אויסגעגליַכט. ער האָט באטראכט די נאסע שטריק, דערנאָכ דעמ זונ. טימאָשע האָט פארשטאנענ דעמ פאָטערס געדאנקענ, פארשטאנענ זיַנ בליק. ער האָט זיכ געפילט שולדיק פאר זיַנ שוואכקיַט, איז גערויכט פארויטלט געוואָרנ — אונ האָט זיכ צעפינטלט מיט די וויִעס.

*) גינדאציע — א שטריק, מיט וועלכנ מ׳בינדט צו דעמ זעגל.

— לאָמיר זיך נאָכאמאָל אָנשטרענגען, — האָט ער ניט דרייסט פאָרגעלייגט.

נעשטשאַדים האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— ס'וועט זיך גאָרניט באַקומען. לאָמיר בעסער אָנציִען די זעגלען, און דערנאָך וועלן מיר א פּרוּוו טאָן.

דער אַלטער האָט ארומגעוויקלט אַן עק שטריק ארום דעם זעגל־בוים, — זיי האָבן אופגעהויבן די זעגלען, און ער האָט אנגעשטעלט דאָס שיפל אַף דעם אָנגעצויגענעם שטריק. דאָס האָט געהאָלפן. זיי האָבן ארויסגעריסן דעם אַנקער פון גרונט. זיי האָבן ווידער אופגעהויבן די זעגלען.

די מיטלסטע אַנקערס זײַנען אזוי טיף ניט ןגעווען אײַנגע־גראָבן, און מע האָט פאַרשפּאָרט אָנציִען די זעגלען, קעדיי זיי ארויסציִען.

דער פאָטער האָט זיך גענומען פּארן בּרעג פון דעם געפעס, קעדיי עס ארויסצונעמען, און האָט געלערנט דעם זון.

— דו זעצ זיך איבער אַפן ראַנד פון דער שיף און האַלט דעם באַגאָר אין די הענט. ווי איך וועל נאָר א געשריי טון: „גיב דעם באַגאָר", גרייט זיך צו און גיב אַכטונג אַפן געפעס. אז סע וועט זיך באַווײַזן א פיש אַפן האַטשעק, גיב אים גלײַך א כאַפּ מיטן באַגאָר.

— און דאָס שיפל? עפּשער זאָל איך זיך זעצן צום רודער?

— מע דאַרף ניט. אַז מירן ארויסנעמען דאָס געפעס, וועלן מיר עס נאָכשלעפן נאָך זיך, — האָט נעשטשאַדים האַלב באַרויגעז געענטפערט און האָט גלײַך כאַראָטע געהאַט:

— א שאָד, וואָס כ'האָב אים ביז אהער קיין איין מאָל ניט מיטגענומען מיט זיך. וואָלט ער כאָטש געווען געזען, ווי ס'טוט זיך אַלץ.

טימאָשע האָט געכאַפּט דעם באַגאָר און האָט זיך אריבערגע־רוקט איבערן ראַנד, די אויגן אָנגעשטרענגט אַפן וואַסער. דער פאָטער האָט אָנגעהויבן ארויסנעמען דאָס געפעס — א געוויינ־לעכע לאַנגע שטריק. אַף א געוויסן אָפּשטאַנד איינס פון צווייטן זײַנען אַף דער שטריק געהאַנגען האַטשעקעס אַף שטריקלעך,

אַט האָבן זײַנע גענײטע הענט דערפֿילט דעם פּאַנג אַדאַנק דעם, וואָס די שטריק זײַנען געוואָרן שווערער ווי געוויינלעך און אָנגעהויבן לײַכט ציטערן. אַ קורצער אויסגעשריי:
— באַגאָר!

טימאָשעס הענט האָבן זיך געטרייסלט פֿון אויפֿרעגונג. אויפֿן וואַסער האָט אַ פֿאָכע געטאָן אַ טונקל־זילבערנער עק פֿון אַן אָסעטער. דאָס יִינגל האָט אַ מאַך געטאָן מיטן באַגאָר... און האָט ניט געטראָפֿן. דער פֿאָטער האָט אָפּגעלאָזט די שטריק און האָט בייז אַ דונער געטאָן:

— די אויגן זײַנען דיר אַרויס!

ער האָט אָבער דערזען דאָס אויפֿגערעגטע יִינגל און האָט טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— זעץ זיך אויף מײַן אָרט און ציִ פּאַמעלעך די שטריק, דו וועסט זען, ווי איך וועל פֿאַרטשעפּען.

זיי האָבן זיך איבערגעזעצט. צו זייער גליק האָט זיך דער אָסעטער ניט אָפּגעריסן פֿון האַטשעק, און אַז דער באָכער האָט אַ ציִ געטאָן פֿאַרן שטריק, האָט דער אַלטער נעשטשאַדים פֿלינק אַ כאַפּ געטאָן דעם פֿיש אויפֿן באַגאָר, זיי האָבן אים אַרײַנגע־שלעפּט אין שיפֿל. דער פֿיש איז געווען ניט קיין קליינער, פֿון אַ פּוד אַנדערהאַלבן. דער פֿאָטער האָט פֿאַרגעזעצט אַרויסנעמען דאָס געפֿעס. דאָס צווייטע מאָל איז אויפֿן האַטשעק געהאַנגען אַ סעווריוגע. טימאָשע האָט איצטער אויך ניט געטראָפֿן — דער פֿיש האָט זיך אָפּגעריסן און איז אַוועק. דער פֿאָטער איז גאָר אויפֿגעבראַכט געוואָרן.

— אַ שיינע הילף זיך גענומען, — האָט ער אַ שפּײַ געטאָן.

דעם דריטן פֿיש האָט שוין דאָס יִינגל גוט געטראָפֿן. די אַרבעט האָט זיך אײַנגעאָרדנט, און גיך זײַנען אין שיפֿל געלעגן עטלעכע אָסעטרען, אַ סעווריוגע און אַ גרויסע בעלוגע, וואָס זי האָט מען אויך שיר־שיר ניט אײַנגעלאָזן.

ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן. נעשטשאַדים האָט זיך אַזוי פֿאַרטאָן אין אַרויסנעמען דאָס געפֿעס, אַז ער האָט גאָר פֿאַרגעסן אין דעם אַרום. אַרום זיי איז עפּעס געשען אומגעוויינלעכס. דער

יאַם איז עפּעס מיטאַמאָל געל געוואָרן... די ווייכע איינטאָניקע כוואַליעס זײַנען אופגעבֿרויזט געוואָרן ווי צעפּאַטלטע האָר אפֿן קאָפּ.

דער פישער האָט ערשט דאַן דערפילט די סאַקאָנע, ווען א שטאַרקע כוואַליע האָט פּלוצים אַזוי א וואָרף געטאָן דאָס שיפל, אַז דער אַלטער האָט פון האַנט שיר ניט אַרויסגעלאָזט די שטריק פון דעם געפּעס. ער האָט אופגעהויבֿן דעם קאָפּ, האָט א קוק געטאָן אפֿן אַרום און האָט פאַרדײַגעט געמורמלט:

— ס'וועט פּריש. — א־א, אַן אומגליק! מיר זאָלן כאָטש גיכער פאַרענדיקן!...

זיי האָבֿן אײַלנדיק פאָרגעזעצט די אַרבעט. מיט יעדער ווײַלע איז אַלץ פרישער געוואָרן, און די כוואַליעס האָבֿן זיי אַלץ מער געשטערט. ווען זיי זײַנען דערגאַנגען ביזן קעגנײַבער־דיקן אַנקער, האָבֿן שוין די כוואַליעס געשטורעמט. אפֿן יאַם האָט זיך אָנגעהויבֿן א שטורעם. נעשטשאַדים האָט א שלעפּ געטאָן דעם אַנקער, איינמאָל, נאָכאַמאָל, סע גיט זיך ניט אונטער, נאָר דאָס שיפל האָט זיך א בויג געטאָן, און א כוואַליע האָט עס פאַרפלייצט. אַרויסרײַסן דעם אַנקער מיט דער הילף פון עם שיפל איז גאָר איבעריק געווען צו טראַכטן, און דער פישער האָט די שטריק אָפּגעהאַקט מיט א האַק. מע האָט אָנגעהויבֿן אָנציִען דעם זעגל. אָבער ניט אַזוי גרינג האָט זיך עס אײַנגע־געבֿן. דער ווינט האָט אים געוואָרפן, אַרויסגעריסן דעם שקאָט פון די הענט, און באַם ייִנגל האָט ניט געקלעקט קיין קויעך אונטערצוציִען די גינדאַציע. מיט גרויס מי האָט דער פאָטער אָנגעצויגן דעם שקאָט און האָט אָנגעצילט דאָס שיפל קעגן די כוואַליעס.

צום ערשטן האָט טימאָשע קיין שרעק ניט געפילט. ער איז געווען באַהערשט פון מאָדנע געפילן און פון אופרעגונג, וואָס האָט אים אַרומגעכאַפּט, ווען זיי האָבֿן אַרויסגענומען די האַטשע־קעס. דער פאָטער אַליין איז אויך געוואָרן רויִקער און האָט באַקומען א שווײַגנדיק־באַשטימטן אויסזען, זיכער אין יעדן קער זײַנעם, פּונקט ווי די פריִערדיקע דײַגע האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן.

דאָס ייִנגל האָט ניט געוווּסט, אַז אַ געניטער פישער באַמיט זיכ זײַנ רוּיִקער אינ מינוטנ פונ דער גרעסטער סאַקאָנע, ווײַל פונ זײַנ רויִקײַט הענגט אָפטמאָל אָפּ זײַנ לעבנ.

אָבער מיטאַמאָל איז דאָס שיפל הויכ אונטערגעוואָרפנ געוואָרנ אָפּ אַ כוואַליע אונ איז נאָכ פלינקער אַראָפּגעטראָגנ געוואָרנ אַראָפּ. באַם ייִנגל איז פאַרקילט געוואָרנ דאָס בלוט, דאָס געזיכט איז בלאַס געוואָרנ. ער האָט דערשראָקנ אַ געשריי געטאָנ, האָט זיכ אויסגעגליטשט אונ האָט זיכ אָנגעכאַפּט מיט די הענט באַם ברעג פונ באַק. אינ דער מינוט האָט אַ צווייטע כוואַליע זיכ אַריבערגעקײַקלט איבערנ קאָפּ. ער האָט ניט באַוויזנ זיכ באַדענקענ, ווי ער האָט דערהערט אַ בייזנ אויסגעשריי:

— וואַסער, גיס אויס דאָס וואַסער!

מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט ער אָנ דער זײַט אָנגעטאַפּט דאָס קריגעלע אונ האָט פאַרפּליושטשעט די אויגנ, ווײַל דער באַרקאַס האָט ווידער זיכ אַ הוידע געטאָנ, ער האָט זיכ דערמאַנט עמעצנס ווערטער, וואָס מע האָט געזאָגט אינ דאָרפ: „האָסטו מוירע, קוק ניט אַפנ ברויזנדיקנ יאַם, נאָר אינ שיפל“.
דאָס ייִנגל האָט באַהערשט זײַנ שרעק, האָט צעעפנט די אויגנ אונ האָט אַ קוק געטאָנ אָפּ דער קופּע פיש פאַר זיכ... ווידער האָט דער פאָטער פונ ערגעצ הויכ אַ געשריי געטאָנ. דעמאָלט האָט טימאָשע ניט אַראָפּגענומענ די אויגנ פונ דעמ אויבערשטנ אָסטערס עק, האָט גיכ געשעפּט מיטנ קריגעלע אונ האָט אויסגעגאָסנ דאָס וואַסער. ער האָט זיכ פאַרכאַפּט מיט זײַנ אַרבעט, אונ זײַנ פּאַכעד האָט זיכ ביסלעכווײַז צעזייט. נאָר אויפהייבנ דעמ קאָפּ, אַ קוק טאָנ אַפנ אַרומ האָט ער ניט געוואַגט.

אַזוי האָט געדויערט באַ אַ האַלבער שאָ. קיינער האָט פאַר דער צײַט קיינ וואָרט ניט אויסגערעדט. מיטאַמאָל האָט טימאָשע אײַנגעהערט דעמ פאָטערס פריילעכ ברומענ.

— שטאַרק זיכ, זונעלע, שוינ באַלד די קאָסע! מיר וועלנ זיכ מיט מאַזל ווי ס'איז אַרויסקראַבקענ.

דאָס ייִנגל האָט אויפגעהויבנ דעמ קאָפּ. אָפּ אַ ווערסט רעכטס פונעמ שיפל האָט זיכ איבערנ וואַסערדיקנ טהאָמ די לאַנגע

קאָסע אײַנגעהילט אינ שוים פֿונ דעם צוגעשלאָגענעם וואסער. ס'איז גלײַכ געוואָרנ פֿריילעכ אפֿנ הארצנ, אָבער ניט אפֿ לאנג. פּלוצים האָט זיכ דאָס שיפֿל אומנאטירלעכ א דריי געטאָנ, אונ אײנצײַטיק האָט זיכ דערהערט נעשטשאדימס איבערגעשראָקענער קאָל:

— אײ, דער רודער!

סימאָש האָט אהינ א קוק געטאָנ. אפֿ דער קאָרמע איז געשטאנענ דער פֿאָטער אונ האָט אומבאהאָלפֿנ פֿאנאנדערגעפֿירט די הענט מיט אנ אָפּגעבראָכענעם שטיקל רודער. דער רודער אלײנ האָט א שוועב געטאָנ פֿונדערווײַט אפֿ א כוואליע. ס'האָט דאָס שיפֿל א טראָג געטאָנ אינדערהייכ אונ פֿונ א פֿינפֿמעטערישער הייכ א וואָרפֿ געטאָנ אראָפּ. דאָס ייִנגל האָט זיכ מיט ציטערדיקע הענט אָנגעכאפּט פֿארנ זעגל אונ איז צוגעזאָטנ געוואָרנ צומ נאסנ האָלצ. ער האָט מיט דערשראָקענע אויגנ א קוק געטאָנ פֿאָרויס אפֿ א נײַער אנטקעגנדיקער כוואליע, וואָס האָט דראָענדיק א מאכ געטאָנ מיטנ שפּיצ אונ איז אפֿ א ווײַלע געבליבנ הענגענ איבערנ שיפֿל, ווי א געל-בלײַענע סטראשידלע, אונ דעמאָלט האָט זי זיכ א וואָרפֿ געטאָנ אפֿ זיי, זיכ צעשפּרונגענ ווי א פֿאָנטאנ אפֿנ קיל. דער פֿאָטער האָט ערגעצ געכריפּעט:

— הייב אופּ, הייב אופּ, גיכער!

אונ דאָס ייִנגל האָט נאָכ פֿעסטער זיכ אײַנגעקלאמערט אינ האָלצ. נעשטשאדימ האָט אָפּגעלאָזט דעם עק פֿונ שקאָט אונ איז א שפּרונג געטאָנ צו אים. ער האָט אָנגעטראָפֿנ אפֿ א פֿיש, האָט זיכ אויסגעגליטשט אונ א פֿאל געטאָנ אפֿנ ראנד. דער עק פֿונ שקאָט האָט זיכ פֿארפּלאָנטערט אינ די האטשעקעס, אינ דער רעגע האָט דער מײַסטראָ א זעצ געטאָנ אינ דעם אָנגעצויגענעם זעגל, אונ א זײַטיקע כוואליע האָט א קלאפּ געטאָנ אונטערנ באָרט, אונ דאָס שיפֿל האָט זיכ א קער געטאָנ אינ א זײַט. דער אלטער נעשטשאדימ איז אריבערגעפֿאלנ פֿונ יענער זײַט באָרט, אינ וואסער, דער אָנגעצויגענער זעגל האָט זיכ אוועקגעלייגט אפֿ דער כוואליע אונ דאָס וואסער האָט זיכ ארײַנגעריסנ אינ שיפֿל, אינ באק ארײַנ.

טימאָשע האָט פון אָנהייב גאָרניט פאַרשטאַנען, ווײַל עטלעכע כוואַליעס האָבן זיך איבער אים איבערגעקײַקלט און אים פאַר־בלענדט די אויגן. דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערפילט, איז אַ שרעקלעכן ווייטיק אין דער האַנט, ווײַל דער שקאָט האָט זי צוגעקוועטשט צום דעק און צום זעגל־בוים. דאָס ייִנגל האָט זי געפּרוּווט אַרויסשלעפּן, נאָר דאָס האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן. אַן עק גינדאַציע האָט זיך נאָך אויך דערצו אַרום איר פאַרפּלאָנטערט. די כוואַליעס האָבן אָנגעהויבן שלאָגן דאָס אומבאַהאָלפענע שיפל. דער הינטערטייל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין וואַסער, און דער פאָדערשטער טייל האָט זיך אויפגעהויבן. דאָס ייִנגל האָט באַטראַכט דעם שטורעמדיקן אַרום. ער האָט דערזען דעם פאָטער אויף אַ הויכער כוואַליע. ער איז געשוווּמען צום שיפל און האָט געקעמפט מיט דער סטיכיע. די סטיכיע איז אָבער שטאַרקער פון אַ מענטשן. דער שטעכיק צווישן אים און דעם שיפל האָט זיך אַלץ מער און מער פאַרגרעסערט.

טימאָשע האָט ניט אויסגעהאַלטן און איז געפאַלן כּלאָשעס.

ד ע ם פ י ש ע ר ס א ו מ ג ל י ק

ווי קענ דאַרקע נעשטשאַדימיכע אײַנשלאָפנ, אַז זי דאַרפ אָט־אָט אופשטיינ באַקנ בֿרויט? אונ דאָ האָט זי נאָכ דײַגעס וועגנ ווירטשאַפט־איניאָנים.

— אָט דאָס וועל איכ אָפבֿאַקנ דאָס לעצטע געבֿעקל, אונ דערנאָכ גיי ווידער קויפנ — אונ פאַר וואָס? דו מאַטערסט זיכ, מאַטערסט זיכ אַ גאַנצ לעבֿנ, אונ דו עסט זיכ קיינמאָל צו זאַט ניט אָנ מיט בֿרויט. ס׳קומט דאָכ ערשט דער האַרבֿסט, פאַראַנ נאָכ וועלכער ס׳איז פאַנג, אונ דאָ וועט צושפרינגענ דער ווינטער... מע וועט פאַרדרייט ווערנ. אָכ־אָכ, וויפל דײַגעס מע האָט עס פונעם דאַלעס! דו האָפסט פונ טאָג צו טאָג, אַז ס׳וועט בֿעסער ווערנ אונ צום סאָפ?..

אזוי האָבֿנ זיכ די געדאַנקענ געקנוילט בֿאַ דער פרוי אינ מויעכ, האָבֿנ זיכ אינ אַ שטײַפנ קנופ צונויפגעפלאָכטנ, אַפ קיינמאָל ניט צו פאָטער ווערנ פונ זיי, דעם פאַרדרייטנ קאָפ ניט צו בֿאַרויִקנ.

ווייסט ניט נעשטשאַדימיכע, צי זי איז געשלאָפנ, צי זי האָט נאָר די אויגנ צוגעמאַכט, אונ מע דאַרפ שוינ אופשטיינ. זי האָט זיכ אופגעכאַפט, האָט אָנגעצונדנ דעם לאָמפ אונ האָט זיכ אָנגעהויבֿנ פאָרענ אינ שטובֿ: אײַנגעהייצט אינ אויוונ, פאַרקנאָטנ דאָס בֿרויט, דערנאָכ האָט זי אַ קוק געטאָנ אינ פענצטער.

— זע, ס׳טאָגט שוינ, ווײַזט אויס, — האָט זי זיכ פאַרכּידעשט.

אינ דער רעגע האָט זיכ צו איר פונדרויסנ דערטראָגנ אַ נײַער אומגעוויינלעכער גערויש פונעם ׳אַמ. זי האָט זיי בֿאַאומרויִקט.

— צי דענ האָט זיכ דער מײַסטראָ געשטאַרקט?

זי איז אַרויסגעלאָפנ אינ הויפ אונ האָט זיכ צוגעהערט.

— אינדערעמעס, זע נאָר, ווי דער יאַם הודעט עס.

די הויכע אקאציעס פון יענער זײַט שטיבל האָבן איר געענט־פערט מיט א טויבן שאָרכערײַ.

הו־הו־ו, ש־ש־ש...

— גריגאָר איז אפן יאַם מיטן קינד. סאמע איצט וועלן זיי עס ארויסנעמען דאָס געפעס. ס׳האָט אומאנגענעם פארקלעמט דאָס הארץ. דארקען איז עס דען דאָס ערשטע מאָל? דאָס ערשטע מאָל דען, אז דער שטורעם פארכאפט דעם מאַן אינ־מיטן יאַם? נאָר וואָס דאָס קינד איז מיט אים. נאָר עפּשער וועט דער אומגליק זיי אויסמײַדן.

זי האָט א זיפץ געטאָן און זיך אומגעקערט אין שטוב ארײַן.

און אז ס׳איז שוין גאָר ליכטיק געוואָרן און זי האָט פאַר־שארט דעם אויוון, האָט זי זיך ווידער פארזאָרגט, ווײַל דער מײַסטראָ האָט זיך שוין אָנגערופן אין קוימען מיט א נאָגנדיקן וואָיען. זי האָט פאריגלט די טיר און איז ארויסגעלאָפן צום הויכן ברעג לעבן זײַט פון דאָרף און. האָט א קוק געטאָן אפן יאַם, נאָר דאָרט איז גאָרניט צו זען — די פאָרזיכטיקע שיפערס האָבן זיך באַצײַטנס באהאלטן אפן ברעג. עס ווירמלען נאָך ברונדע שוימיקע כוואליעס, פונקט ווי אָן א צאָל ווילדע בייזע כײַעס וואָלטן זיך צעוואָיעט. דעמאָלט האָט זיך אף דער פריי־צײַטיק פארעלטערטער פרוי נאָך שווערער אָנגעבויגן דער שאָטן פון עלטער. זי האָט זיך אײַנגעבויגן, זיך אײַנגעהויקערט און האָט מיט ייִעש א פליעסקע געטאָן מיט די הענט.

— גריגאָר, מאַן מײַנער, איינציקער שטיצער מײַנער! טימאָש! זונעלע ליבער. ווו זײַנט איר? צי האָט אײַך דער געוויטער אינמיטן יאַם פארכאפט?

זי האָט זיך קלאָגעדיק צעכליפּעט מיט א נאָגנדיקער בענקעניש.

דערנאָך איז ערגעץ פון דער טיף פון דער נעשאָמע אויס־געוואַקסן א האָפענונג.

— עפּשער זײַנען זיי פארבליבן אפן מיס איבערוואַרטן דעם שטורעם?

זי האָט ביז ווײַטעק אינ די אויגנ זיכ אײַנגעקוקט אפ לינקס אינעמ באוועגלעכנ האָריזאָנט, וואָס איז געוועג גרוי פונ וואסער־שטויב, געקוקט אהינ ווו ס׳האָט באדארפט זײַנ דער מיס. זי האָט גאָרניט געזענ, אלצ האָט זיכ באהאלטנ הינטער יענער באוועגלעכקײַט...

עטלעכע מאָל איז נעשטשאדימיכע ארויסגעלאָפנ אויסקוקנ אירע פישכאפערס. מיט א טויט־בלאסנ פּאָנעמ, מיט צעפּאטלטע האָר, מיט אויגנ פול מיט איבערמענטשלעכנ ייִעש און שרעק האָט זי זיכ יעדער מאָל אײַנגעקוקט אינ דער צעווילדעװעטער וואסער־ראכוועס. דעמאָלט האָבנ די אײַנוווינער אפנ הויכנ מעשופּעדיקנ ברעג געקענט זענ אנ אײנזאמע דערשלאָגענע פרויענ־געשטאלט, פארשטומט אינ מענטשלעכנ טרויער. פאר־נאכט האָט זיכ דער מײַסטראָ געגומענ אײַנשטילנ, און באגלײַכ מיט אימ האָט זיכ דער יאמ אײַנגעשטילט. דארקע איז ווידער ארויסגעשפּרונגענ אפנ ברעג פול מיט האָפענונג. אפ די אײַנ־געשטילטע כוואליעס האָבנ זיכ באוויזנ עטלעכע זעגלענ. די פרוי האָט זיכ שארפ אײַנגעקוקט, געזוכט צווישנ זיי דעמ בא־קאנטנ זעגל מיט א שוואַרצנ פאס אינמיטנ, וואָס זי וואָלט אימ פאר עטלעכע ווערסט דערקענט און האָט ניט געפונענ. זי האָט זיכ אָנ אופהער געכאפט פארנ קאָפּ, איז אוועקגעלאָפנ צומ ברעג, ווו די שיפנ שטעלנ זיכ אָפּ, זיכ פאנאנדערפרעגנ פונוואַ־נענ איז געקומענ דער ערשטער בארקאס. זי האָט זיכ דער־וווסט, אז די פישערס זײַנענ אָנגעלאָפנ פונ שכײַנישנ דערפל, נאָר וועגנ גריגאָרנ האָט קײנער ניט געהערט. די פישערס האָבנ בארויקט די פרוי.

— ס׳איז דענ דאָס ערשטע מאָל אזא שטורעמ אפנ יאמ? דו זאָגסט, ער איז אָפּגעפאָרנ איבערנעכטיקנ אפנ מיס? ער האָט, ווײַזט אויס, מוירע געהאט ארויספאָרנ גאנצפרי און וואַרט דאָרט ביז דער יאמ וועט זיכ אינגאנצנ אײַנשטילנ, און מע וועט קאָנענ ארויסנעמענ דאָס געפעס.

געוויינלעכע מענטשלעכע נעוויעס, אָבער דארקע האָט זיכ מיט פרײד אָנ דעמ אָנגעכאפּט.

נאָר אזוי האָט געקאָנט פאסירנ.

זי איז אוועק אהיימ א באַרויִקטע אונ האָט זיכ גענומענ פאר דער ארבעט. ביז איצט איז איר קיינ שומ ארבעט ניט געגאנגענ.

ס'איז געוואָרנ נאכט, אונ צווישנ די דאָרפישע הײַזלעכ האָט זיכ א פײַכטע פינצטערניש פארשפרײט.

נעשטשאדימיכע איז ארויס פונ שטוב מיט א פאָר עמער אינ די הענט גיינ נאָכ וואסער. ווי זי האָט זיכ נאָר געשטעלט אפנ שוועל, האָט זי מיטאמאָל אינ גאס דערזענ טימאָשענ. איר הארצ איז גלײַכ פארפלייצט געוואָרנ מיט א כוואליע פרייד. זי האָט זיכ אָבער גוט אײַנגעקוקט אונ האָט ארויסגעלאָזט די עמער פונ די הענט. דאָס ייִנגל גייט אונ וואקלט זיכ ווי א שיכּער, אונ עפּעס א פרעמדער פישער פירט אימ פארנ האנט. הינטער זיי — זייער שאָכנ מאָקרי, עטלעכע אײַנגעווינער, נאָר גריגאָרנ זעט מענ ניט צווישנ זיי. די פרוי האָט זיכ האסטיק א וואָרפ געטאָנ אנטקעגנ אונ האָט אָנגעכאפּט דאָס ייִנגל פאר די אקסלענ. די ערשטע רעגע האָט זי ניט געקאָנט א ריר טונ מיטנ צונג, ניט געקאָנט ארויסרעדנ די פראגע. זי האָט נאָר געקוקט דעמ זונ אינ די אויגנ, אינ וועלכע ס'איז פארגליווערט געוואָרנ א גלעזערנע שרעק. זי האָט איבערגעפירט איר בליק אפ די פישערס אונ האָט קיינעמס בליק ניט באגעגנט, אלע האָבנ ווי די האָזנ אויסגעמיטנ איר קוק. אירע פיס האָבנ זיכ אונטערגעהאקט. זי איז פארציטערט געוואָרנ, פונקט ווי עפּעס אנ אומבאוווּסטער קויעכ זאָל איר צונויפדריקנ דעמ האלדז — ס'האָט איר פארכאפּט דעמ אָטעמ.

שווער אָטעמדיק, האָט זי זיכ מיטנ גאנצנ קערפּער א וואקל געטאָנ אפ צוריק אונ האָט ארויסגעקוועטשט מיט א שטילנ כריפּ:

— אונ גריגאָר?... דער טאטע ווו איז? ווו איז דער טאטע, טימאָש?

זי האָט זיכ א ריס געטאָנ פאָרויס אונ האָט מיט קראפט א טרייסל געטאָנ דאָס ייִנגל פאר די אקסלענ.

באַם ייִנגל האָבּן די ליפּן אַ ציטער געטאָן, די ציין האָבּן ווי פון קעלט געקלאַפּט אין מויל און צו דער גלעזערנער שרעק האָבּן זיך טרערן צוגעמישט.

— דער טאַטע איז אומגעקומען...— האָט טימאָשע ציטערנדיק אָנגעהויבּן און האָט דעם לעצטן זילבּ דערשלונגען. דערנאָך איז ער געפאַלן אַף דער מוטערס העגט. האָט זיך ווילד צעש־רײַען אַף דער גאַנצער גאַס ניט מיט זײַן קאָל:

— דער טאַטע איז אומגעקומען אין יאַם!

פונדערזײַט האָט אַ פרעמדע מיטפילנדיקע שטים געבּורטשעט:

— קלאָג ניט, ווײַבּל, אַזאַ איז אונדזער לעבּן, דאָס הינטישע.

נעשטשאַדימיכע האָט מיט ברייט־צעראַטשעטע אויגן געקוקט אַפן זון מיט שרעק. דערנאָך האָט זי זיך שטיל אָנגעהויבּן צו־זעצן און איז מיט אַ קרעכץ אַ פאַל געטאָן אַף דער ערד.

די פישערס האָבּן אָנגעהויבּן אַרומלויפן, האָבּן אופגעהויבּן די אומגליקלעכע פרוי אַף די הענט און האָבּן זי אַרײַנגעטראָגן אין שטוב אַרײַן.

אין שטוב האָט מען דאַרקען מיט וואַסער אופגעמונטערט, און זי האָט ביטער געיאָמערט און זיך געוואָרפן. און אין ווינקל אונטערן אויוון האָט טימאָש פאַרדעמפט געכליפעט.

די פישערס, וואָס זײַנען בײַגעווען, האָבּן זיי באַרויִקט, ווי ווײַט נאָר מעגלעך. דער פרעמדער געזעצטער פישער האָט דערציילט:

— איך בין אַזש פון הינטער בערדיאַנסק. איך שטיי מיט אַ קורינ אַף אײַער מיס — איך כאַפּ פיש. זיץ איך מיר אַזוי אײַנ־דערפרי, שאַרף די האַטשעקעס, און דער טײַוול רײַסט דאָס וואַסער אין יאַם, אַ שטורעם, הייסט עס. איך קוק זיך אײַן, פונדערווײַטנס שווינדלט אַ זעגל. מיסטאָמע איז עפּעס אַן אומ־גליקלעכער פאַרבּליבּן אַפן יאַם, טראַכט איך מיר. דער זעגל האָט אַ שווינדל געטאָן און איז ניט געבּליבּן. איך בין מיר גלײַכגילטיק. איך שאַרף און הער זיך אײַן צום מײַסטראָ. ערשט באַם אָנבּײַסן האָב איך פאַרענדיקט שאַרפן די האַטשעקעס און בין מיר אַוועק זיך דורכשפּאַצירן אַפן עק מיס. ערשט כ׳גיבּ

א קוק: עס ליגט א שיפל אין דער באלקע און ניט ווי געוויינ־לעך — מיטן זעגל־בוים זיך אײַנגעגורעט אין ברעג. דער זעגל טעלעפּעט זיך. א קאָרבן פון יאַם, האָב איך זיך גלײַך אָנגעשטויסן. איך לאָז זיך גיך אהין און הער עפּעס א מין געוויין, צי א מין פּישטשערײַ. איך קום צולויפן — ערשט ס׳איז אָט דער באָכער, הייסט עס. דער שקאָט האָט אים פארקוועטשט און מיט די הענט האָט ער זיך פארפלאָנטערט אין דער גינדאציע און קאָן זיך בעשומויפן ניט ארויספלאָנטערן. ס׳האָט אים קענטיק געגוג געטרייסלט און דורכגעווייקט. ער איז געווען א פארכאלעשטער און האָט זיך ערשט, נעבעך, אפן ברעג אופגעכאפּט. איך האָב אים באפרײַט, און ער׳האָט מיר אלץ דערציילט. זײַנען מיר דערנאָך ארומגעגאנגען איבערן מיס, געזוכט דעם פאָטער, אויסגעקוקט אפן יאַם. נאָר וועסט דען געפינען?

דער פישער האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט.

— ס׳האָט אים, ווײַזט אויס, דורכגעטראָגן פארבײַ דער מיסקע און אין יאַם פארשלעפּט. ס׳האָט אָנגעהויבן זיך אײַנ־שטילן, האָב איך אָנגעצויגן מײַן זעגל און האָב אהער געבראכט דעם יאָט. איר, גוטע מענטשן, דארפט אהין צולויפן און ברענ־גען צו שלעפּן זייער שיפל. ס׳איז שטארק צעקלאפּט. און דער באָכער איז, ווײַזט אויס, א גליקלעכער. דאָס שיפל איז ניט געווען איבערגעקערט מיטן דעק ארופ — דער זעגל האָט ניט דערלאָזט.

נאָכדעם האָבן זיך אלע אָנגעהויבן פאנאנדערגיין. די אײַנ־ווינער האָבן אינדרויסן געייצעט מאָקריען:

— דו, אלס א נאָענטער שאָכן, גיב אכטונג אפן ווײַבל, זי זאָל זיך עפּעס ניט אָנטאָן פאר צאָרעס, אָדער שיק צו דײַן פרוי צו איר...

טימאָש האָט ביסלעכווײַז אופגעהערט כליפּען. ער האָט, אייגנטלעך, ניט איינגאנצן באנומען דעם פארלוסט. און דאָס יינגל האָט ניט אזוי געקלאָגט נאָכן פאָטער, ווי ער האָט געוויינט פון שרעק, וואָס ס׳איז אים אויסגעקומען זען און איבערלעבן דאָס ערשטע מאָל אפן יאַם.

פונ דער פּאָדלאָגע פונ דער טונקלקײַט האָט זיכ געטראָגנ דער מוטערס קרעכצנ. דאָס קרעכצנ האָט געצוווּנגענ, דאָס ייִנגל זאָל אבּיסל אנדערש א טראַכט טונ. ער איז שוינ איצט א דערוואָקסענער, דער אײנציקער פאַרדינער אינ דער מישפּאָכע, אזוי געזאָגט, ער דאַרפ ניט ווײנענ, ער מוז נאָכ בּארויִקנ די מוטער. דאָס געפיל, אז ער איז שוינ א דערוואָקסענער, האָט דעם ייִנגל צוגעגעבּנ מענערישקײַט אונ קראַפט. דאָס געפיל האָט אויסגעטריקנט זײַנע טרערנ אינ די אויגנ, האָט אײַנגעשטילט דעם ווײטעק אונ די שרעק. דער בּאָכער האָט שוינ דערפילט א בּאַדערפעניש אינ ארבּעט. ער איז ארויסגעקראָכנ פונ זײַנ ווינקעלע אונ האָט אָנגעהויבּנ זוכנ שוועבּעלעכ. ער האָט אָנגעצונדנ דעם לאָמפּ מיט אָנגערוקטע בּרעמענ אונ מיט א פאַרקנײטשטנ שטערנ. אזוי, האָט זיכ אים געדאַכט, פּלעג טונ שטענדיק זײַנ פּאָטער.

אז די דערשראָקענע שײַנ פונ לאָמפּ האָט זיכ צעטאַנצט אינ אלע ווינקעלעכ פונ שטוב, האָט טימאָש א שפּאַנ געטאָנ צו דער מוטער, אָבּער זי האָט פאַרכאַפּט. זי איז אופגעשפּרונגענ פונ דער פּאָדלאָגע אונ האָט זיכ אײַלנדיק א וואָרפ געטאָנ צו דער טיר. דאָס ייִנגל האָט זי דעריאָגט אונ זי געכאַפּט בּא דער האַנט.

— ווּהינ לויפסטו, מאַמע?

די מוטער האָט זיכ ניט אויסגעדרײט אונ האָט האלבּ־בּאַוווּסטזיניק אויסגעשריִענ:

— זוכנ דעם טאַטנ.

טימאָש האָט זיכ אָנגעכאַפּט מיט אלע קויכעס אָנ דער מוטערס האַנט אונ האָט פאַרהאַלטנ נעשטשאַדימיכענ. כמורנעשטיל האָט ער אויסגערעדט:

— ניטאָ דער טאַטע. ער איז אומגעקומענ...

די מוטער האָט אויסגעדרײט דעם קאָפּ אונ האָט האלבּ־פאַרשטענדלעכ געשעפּטשעט.

— ניטאָ... ניטאָ, זאָגסטו?..

דערנאָכ האָט זי האַסטיק ארומגעכאַפּט דעם זונ, האָט אים בּאַגאָסנ מיט טרערנ אונ האָט געקלאָגט:

— או — אומגעקומענ!.. אפ וועמענ האָט ער אונדז איבער־געלאָזט? ווער וועט אונדז האָדעווענ??!

די אונטערשטע קינבאק האָט זיכ צעטרייסלט באַמ ייִנגל. ס'האָט זיכ צוגעקויקלט צום האַלדז עפּעס טערפּקעס, ניט אַנגע־נעמס, אונ אַפ אַ ווײַלע האָט אימ פאַרכאַפּט דער אָטעמ:

נאָר צי מעג ער דענ וויינענ? ער איז דאָכ שוינ אַ דער־וואַקסענער. ער וועט איצטער ניט וויינענ. ער וועט אַפילע די מוטער באַרויִקנ.

דאָס ייִנגל האָט זיכ אַליינ אַ שטשיפּע געטאָנ פאַרנ קני, דערנאָכ ביז ווייטעק אַ ביס געטאָנ דעמ פינגער. דער טערפּקער טאַמ האָט זיכ אַוועקגעקויקלט פונ האַלדז. ער האָט געקוקט ערגעצ אָנ אַ זײַט, האָט געטרייסלט די מוטער פאַרנ קאָפּטל אונ האָט גיכ אונ וואַרעמ געזאָגט:

— מע דאַרפ ניט, מאַמע, וויינ ניט!.. איכ בינ שוינ ניט קיינ קליינינקער — אַ דערוואַקסענער. איכ קאָנ שוינ ברעכנ דאָס געפּעס; כ'קאָנ פאַרנ מיט דער שיפ — איכ וועל ווערנ אַ פישער.

אונ קעדיי איר צו דערווײַזנ, אַז ער איז שוינווירקלעכ אַ דערוואַקסענער, האָט דער באָכער אופגעהויבנ זײַנ קאָפּ אונ האָט ערנסט צוגעגעבנ:

— זע אַליינ, איכ בינ דיר שוינ ביזנ האַלדז, אונ ערשט ניט לאַנג האָב איכ דיר דערגרייכט נאָר ביז די הענט.

———

א י נ ל ע ב נ

די מוטער האָט אירע אייסאָקים—און דער יונגער באָכער—זײַנע. בא בײדנ זײַנענ זיי טרויעריקע, ביטערע.

נעשטשאדימיכע האָט זיך צום אלעמ ערשטנ א וואָרפ געטאָנ זוכנ דעמ מאנס קערפּער. זי איז ארומגעלאָפנ אלע דערפלעכ באמ ברעג, איז ארומגעקראָכנ איבער דער קאָסע מיטנ מיס. דורכויס האָט זי פאנאנדערגעפרעגט, צי האָט עמעצער געהערט אָדער געזענ א דערטרונקענעמ. אינערגעצ גאָרנישט. מיט די פישערס פונ איר קאַנט האָט זי זיך דערקליבנ ביז בערדיאנסק און האָט זיך דאָרט פאנאנדערגעפרעגט אינ מיליציע. אויך קײנע ידיעס.

די פישערס האָבנ מיט מיטגעפיל געייצעט:

— געבוג דיר, ווײַבל, ארומלויפנ. אזעלכער איז ער שוינ, דער יאמ, אָדער ער וועט אפ אייביק אוועקלײגנ שלאָפנ אפנ גרונט, אָדער ער וועט פארטראָגנ העט־העט אפנ קובאניער ברעג. ווו וועסטו אימ געפינענ?

דארקע איז נאָך ביז איצט געוועזנ דאר און אויסגעמאטערט, און איצט אוואדע און אוואדע. פאר א וואָך צײַט איז זי געוואָרנ אײַנגעשרומפנ ווי א ריטעלע, וואָס דער ווינט צעהוידעט. און איצטער איז דער דאלעס אָנגעקומענ. יענצ ברויט, וואָס זי האָט אָפּגעבאקנ, האָבנ זיי אופגעגעסנ, און באקנ נאָך איז קײנ מעל ניטאָ—ניטאָ פאר וואָס צו קויפנ. האָט זי זיך א וואָרפ געטאָנ צו דער פישער-געזעלשאפט נאָך הילפ. דער פאָרזיצער פונ קאָאָפעראטיוו האָט איר געגעבנ א רובל און האָט אָנגעזאָגט מער זיך ניט באווײַזנ.

— דאָס שענקט די קאָאָפעראציע אפ דײַנ אומגליק. דײַנ גריגאָר איז אזוי אויך אונדז געבליבנ א באלכויוו. די געזעלשאפט

איז ניט אימשטאנד האָדעווענ יעדנ איינעם, ס׳וועט קיינ געלט ניט סטײַענ.

וואָס האָט דאָס ווײַבל דערופ געקענט ענטפערנ? גאָרנישט. זי וואָלט געקאָנט, אָבער דער צונג האָט זיך ניט געדרייט. זי האָט געוווּסט, אז פרילינג, ווענ דער יאַם האָט פארטראָגנ באַג-ריס דעם רײַכנס שיפל, האָט מענ ארויסגעגעבנ שטיצע אפ ניט אָפּצוגעבנ גאנצע פינפונצוואנציק רובל. מע האָט אפילע געש-מועסט, אז באַגרי האָט געפונענ זײַנ שיפל אונ האָט עס פאר-קויפט, פונדעסטוועגנ האָט מענ ארויסגעגעבנ, וואָרומ באַגרי דער פישער באַרידערט זיך מיטנ פאָרזיצער פונעם קאָאָפּעראטיוו. אונ ווער וועט זיך אָנעמענ איר קריוודע? זי האָט א שווערנ זיפּצ געטאָנ, האָט גענומענ דעם רובל אונ איז מיט אים ארויס פונ דער געזעלשאפט.

דארקע האָט זיך געפרוווט ארײַנשמעקנ אינ דאָרפראט נאָכ הילפ. זייער דאָרפראט איז אָבער אפ דער טריקעניש, אינ דאָרפ סטאָקאָפאנע, צענ ווערסט פונדאנענ. קאָנ מענ דענ דאָרט וויסנ פונ איר נויט? דער פאָרזיצער פונ דאָרפראט האָט זיך צו איר באצויגנ מיט מיטגעפיל, ער האָט אָבער גאָרניט געקאָנט מאכנ.

— איר האָט אײַער פישער־געזעלשאפט, אונ זיי זײַנענ מע־כויעוו אײַכ צו העלפנ. די פישערס זײַנענ א פאָלק מיט זאבאָ־באָנעס, דערוואַטערנ זיי זיך פונ דער יאבאָשע אונ פונ דאָרפּ־ראט. קיינ איינציקער איז באַ אונדז ניט קיינ מיטגליד פונ דער געזעלשאפט פאר קעגנזײַטיקער הילפ. איכ וועל אָנשרײַבנ א צעטעלע צומ פאָרזיצער פונ אײַער קאָאָפּעראטיוו.

דאָס ווײַבל האָט ניט דערציילט, אז זי האָט שוינ געבעטנ באַ אירע אייגענע, האָט באדאנקט אונ איז אוועק. זי איז גע־גאנגענ אײַנגעהויקערט, פונקט ווי אונטער דער לאסט פונ די געשפּענסטער פונ דער גרויסער נויט.

מע דארפ זיך נאָר פארלאָזנ אפ די אייגענע הענט. ווו־זשע וועסטו פארדינענ? — האָט א שארפער געדאנק געעקבערט דעם מויעכ. — סײַדנ פארקויפנ די שטוב? פאָטער ווערנ פונעם לעצטנ שטיקל היימ.

זי איז געקומען אהיים און האָט געטראָפן זיצן דאָרבאנען. ער איז גאָר געווען א פרעמדער מענטש, אָבער נעשטשאדימיכע אכטעט אים מער פאר יעדערן. אנדערע שכיינים פילן איר מיט נאָר מיט ווערטער. אָבער עפּעס אופּטון איז גלייַך א טערעץ: „דער פאנג איז א שלעכטער“; „קיין איבעריק שטיקל ברויט איז שטוב ניטאָ“; „ס׳ווערט, ווי ס׳ווײַזט אויס, אויסקומען צו הונגערן“. דאָס ווערט געזאָגט באַצייַטנס, דאָס ווײַבל זאָל עפּעס ניט בעטן.

און דאָרבאן איז ניט אזא. קאם־קאם וואָס ער קומט אויס. וואָרום ער פארמאָגט אליין א שלעכט שיפל און שפּאנט זיך מיט איינעם, וואָס פארמאָגט א נעץ — איין סטאווקע *). פון־דעסטוועגן האָט ער שוין צוויי־מאָל געבראכט פיש.

דעם פישער האָט מען עפּעס ניט איבעריק ליב געהאט אין יענעם דערפל, ווײַל ער איז געווען אן אָנגעכמורעטער, זיך געהאלטן באזונדער און האָט שטענדיק גערעדט מיט קאס און צו יעדן וואָרט געשפּיגן.

אז דאָרבאן האָט זיך דערוווּסט, וווּהין נעשטשאדימיכע איז געגאנגען, האָט ער בייז געזאָגט:

— עמעס, אזוי דארף זײַן. מע איז אהער געקומען פון דאָרף־ראט, זיך געבעטן בא אונדזערע ברידער צו ווערן מיטגלידער פון געזעלשאפט פאר קעגנזײַטיקער הילף, און די פישערס האָבן זיך נאָר אויסגעלאכט. אונדזער פישערישער וועג, הייסט עס, איז איינער, און אײַערער, דער הרעמשקע־זייערישער, איז א צווייטער, שיידן מיט זיך, הייסט עס, פאנאנדער. און דאָס וואָס אונדזער דערפל איז נעבן אײַער דאָרפראט — איז סטאם אזוי זיך — דער שקאפע ניי צו א ווײדל.

דאָרבאן האָט שוין דאָס וויפלטע מאָל זיך אויסגעשפּיגן.

— מיר האלטן זיך גרויס מיט אונדזער פישערײַ. און דאָס ווייסן מיר ניט, אז הײַנט האָסטו געכאפּט, האָסטו זיך אָנגעגעסן, און מאָרגן ביסטו קראנק געוואָרן, איז צי צונויף דעם

*) סטאווקע — צוועלף נעצלעך איינעם פאריניקט.

ביכ. אונ װאָלאָװטשענקאָ, אונדזער פּאָרזיצער פונ קאָאָפּעראַטיװ, האָט, זאָגסטו, דיר געשענקט אזש א גאנצנ רובל?

דעמ פישערס געזיכט איז פארקרומט געװאָרנ פונ קאס.

— אָט א פּאָדליעצ! פירט כאװערשאפט מיט די באגריִעס. עכ! די באלעגופּימ האָבנ זיכ אָנגעזעצט אפ אונדזער קאָאָפּעראַטיװ, אונ פארטרײַבנ זײ קאָנענ מיר ניט איבער אונדזער נאַרישקײַט. מיר דרימלענ זיכ דאָ פּאװאָלינקע באמ ברעג אפנ זאמד אונ מיר הערנ זיכ צו גאָר ניט צו... מ׳װאָלט אהער באדארפט עפּעס אנ אָרגאניזאציע.

דאָרבאנ האָט א װײַלע געשװיגנ.

איכ בינ, דארקע, ניט לאנג געװענ אינ סטאָפּוד, לעמ בערדיאנסק. דאָרטנ זוכנ די פישער נײַע װעגנ, קעדײ ארויס פונ זײער דאלעס. נאָכ אינ פרילינג האָט זיכ אָרגאניזירט א קאָלעקטיװ, אָט אזא װי די הרעטשקע־זײערס אפ דער יאבאָשע. עמעס, די באלעגופימ רײצנ אָנ אפ יענעמ קאָלעקטיװ, אונ װער ניט װער פונ די געמײנע דרײענ זיכ פונ אימ ארויס. ס׳איז אָבער פּוסטע זאכנ. די זאכ באשטײט אינ דעמ, װאָס די סטאָפּודעװער קאָלעקטיװשטשיקעס האָבנ פרילינג פארדינט צו אנדערהאלבנ טויזנט רובל אפ א מענטשנ, אונ מיר מיט סעמענענ האָבנ אײנצװײענ קאמ אויסגעטריבנ צו אנדערהאלבנ הונדערט. אָט אזעלכע געשעפטנ. זײ פארמאָגנ שוינ א גרויסנ באָט, א מאָטאָר. מע זאָגט, אז הײַנטיקנ זומער װעלנ זײ נאָכ מער אויסטרײַבנ... אונ פארדינענ. אונ מיר זײַנענ טיפּשימ. איכ האָב געזאָגט עמעצנ פונ אונדזערע אײַנװױנערס, לאכנ זײ זיכ נאָר אויס. זאָלנ, זאָגנ זײ, די הרעטשקע־זײערס זײַנ צעדרײט אפ דער יאבאָשע. מיר פישערס זײַנענ נאָכ ניט אראָפּ פונ זינענ. גײ רעד מיט אזעלכע אײזלענ. כ׳װאָלט גענומענ אונ...

דאָרבאנ האָט זיכ געכאפּט, אז ער זאָגט עס א פּרוי, װאָס איז פארטאָנ אינ דײַגעס אונ דאכקעס. האָט ער ניט געענדיקט אונ האָט איבערגעפּיטנ דעמ שמועס.

— דו, דארקע, זאָרג זיכ ניט, פונדעסטװעגנ, װי ס׳ניט איז װעלנ מיר אויסקומענ. א שאָד, װאָס מיר בײדע פארמאָגנ נאָר

שיפלעכ אונ קײנ געפעס האָבנ מיר ניט. אזוי וואָלטנ מיר זיכ צונויפגעשפּאנט אונ געמאכט שוטפעס. דו וועסט מוזנ ערגעצ אײַנאָרדענענ דײַנ ייִנגל.

— ווּהינ? ווער ועט אימ דינגענ?

— גאנצ ריכטיק. פישערס דארפנ ניט אזעלכע געדונגענע. פּרווו אימ ארויספירנ אפ דער יאבּאָשע. סײַדנ עפשער צוליב דעמ, וואָס דער ווינטער דערנעענטערט זיכ, וועט אימ עמעצער דינגענ. אונ זאָרגנ זיכ איז ניט נייטיק, כאָטש מיר פישערס ליגנ איצט אפ עק וועלט, ס'איז דאָכ אָבער ראטנמאכט, זי וועט אויכ אהער וואַרפנ אנ אויג אונ ניט לאָזנ אומקומענ קײנ אָרעמע אלמאָנע. איכ וועל זיכ נאָכ דורכשמועסנ מיט אונדזער באפול־מעכטיקטנ פונ דאָרפראט. ער איז נישקאָשע פונ א מענטש, ער וועט געבנ אנ אייצע. באמ געזעגענענ זיכ האָט דער פישער געזאָגט:

— מאָקרי האָט דאָרט געבראכט צו שלעפנ דײַנ שיפל פונ מיס. ס'איז אביסל צעשעדיקט, נאָר זאָל דיכ ניט ארנ: כ'וועל עס ווי ניט איז פארלאטענ.

— עפשער וועט אויסקומענ עס פארקויפנ,—האָט נעשט־שאדימיכע א זיפצ געטאָנ.

— ניינ, דאָס דארפ מענ בעשומויפנ ניט טאָנ. מירנ נאָכ אפ דעמ עפשער אויסזוכנ א שוטעפ—האָט דאָרבאנ געײצעט אונ איז ארויס פונ שטוב...

טימאָש האָט ניט אזא ארבעט, ניטאָ בא אימ אזעלכע מאכ־שאָוועס. ער איז א דערוואָקסענער אונ דארפ פארטרעטנ דעמ פאָטער. ער מוז ווערנ א פישער. דאָס ייִנגל האָט זיכ באמיט ניט זיצנ אָנ ארבעט: ער קערט אויס דעמ הויפ, טראָגט אריַינ וואסער. אז ער גייט דורכ דאָס דערפל, רוקט ער שטענדיק אָנ די ברעמענ, איז פארנומענ מיט וויכטיקע געדאנקענ. ער לייגט ניט קײנ אכט אפ די ייִנגלעכ, וואָס רייצנ זיכ מיט אימ אונ שפעטנ פונ זײַנע קלײַענ.

אז די מוטער איז געווענ אינ בערדיאנסק, איז ער אוועק צומ פעטער וואסיל, וואָס איז שוינ אופגעשטאנענ פונ זײַנ קרענק.

וואסיל מיטן ווײַב האָבן געהאַלטן פּונקט באַם עסן. דאָס ייִנגל האָט זיך סאָליד באַגריסט און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפֿן באַנק. וואסיליכע האָט אַ פֿרעג געטאָן:

— די מאַמע איז אינדערהיים?

— ניין, זי איז אַוועקגעפֿאָרן זוכן דעם טאַטן.

— אויפֿן דעק פֿון יאַם וועסטו אויפֿזוכן! — האָט דאָס ווײַבל אַ זיפֿץ געטאָן. זי האָט גענומען אַ קאַרטאָפֿל פֿון שיסל, אַ שטיקל פֿיש און דערלאַנגט דעם ייִנגל — נאַ, בײַס איבער, ביסט מיסטאָמע הונגעריק.

בײַ טימאָשען איז געווען דאָס שפּײַעכץ אין מויל. אַזוי איז ער געווען הונגעריק. ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט. ס׳האָט אים באַליידיקט, וואָס מע האַלט אים פֿאַר אַ קליינעם.

„דעם טאַטן אָדער עמעצן אַנדערש וואָלט מען אַוועקגעזעצט באַם טיש און ניט געשטעקט אין האַנט אַרײַן״, — האָט ער געטראַכט.

ער איז אָפּגעזעסן אַ ביסל שטיל, דערנאָך האָט ער זיך באַמיט זײַן ענלעך אויף אַן עמעצן פֿישער, האָט ער אויפֿגעקליבן פֿאַסנדיקע ווערטער און האָט געזאָגט וואסילן:

— ווי־זשע וועט זײַן, פּעטער, מירן אויך אויף ווײַטער כאַפּן פֿיש צוזאַמען?

וואסיל האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן:

— ווער איז עס — מיר?

— איך און איר. איך קאָן העלפֿן אויפֿן שיפֿל, איך האָב זיך. שוין אויסגעלערנט ברעכן דאָס געפּעס. און פֿאָרען זיך מיט די נעצן איז גאָר ניט קיין גרויסע זאַך. איר האָט נעצן, און מיר האָבן אַ שיף.

— מיט דיר? — האָט וואסיל איבערגעפֿרעגט און האָט זיך גלײַך צעבייזערט. — גאַנץ גענוג, וואָס איבער דיר איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אַ העלפֿט פֿון מײַנע האַטשעקעס, ווילסטו איצטער זיך נעמען צו די איבעריקע? דײַן טאַטע האָט זיך געײַלט און האָט אָנגעמאַכט צאָרעס אי זיך, אי מיר. ס׳ליגן קלײַבן שטיינדלעך אויפֿן ברעג, אויף דעם קאָנסטו טויגן, נאָר קיין פֿישער זײַן טויגסטו ניט. איך האָב זיך שוין צונויפֿגערעדט מיט דעמידטשוקן.

בּא דעמ פעטערס ערשטע ווערטער האָט זיכ דאָס ייִנגל אײַנגעבּויגנ. ער האָט דערפילט, אז ס'איז נאָר זײַנ אייגענע שולד. איינצײַטיק האָט זיכ בּא אימ עפּעס אָפּגעריסנ אינ הארצנ. ער האָט די צוויי טעג די גאנצע האָפענונג געלייגט אפנ פעטער וואסילנ. ס'האָט זיכ אימ אזש געגלוסט זיכ צעוויינענ. ער האָט זיכ אָבּער אײַנגעהאלטנ. מיט אנ אומעטיק אנטוישטנ קאָל האָט ער ווידעראמאָל געפרעגט:

— ווערלנ מיר, הייסט עס, ניט מאכנ קיינ געשעפט?

אפּ קיינ ענטפער האָט ער ניט געווארט, ער האָט א זיפצ געטאָנ אונ איז ארויס פונ שטובּ.

נאָכנ ערשטנ ניט־געלונגענעמ פאל האָט דעמ בּאָכער זייער געווייטעקט, אונ ס'האָט אימ אָנגעכאפּט א צווייפל. אָבּער ניט אפּ לאנג. ווידער זײַנענ אינ יונגנ קאָפּ געקראָכנ אײַנגעגעסענע געדאנקענ.

— מע דארפ זיכ פריִער פאר אלצ אויסלערנענ בּאגיינ מיט די נעצנ.

אונ אז די מוטער איז אוועק אינ דאָרפראט, איז ער אוועק־געלאָפנ צומ בּרעג, ווו שוועדונ האָט זיכ געקליבּנ אָפּפאָרנ אפנ יאמ פארשיטנ די נעצנ.

דאָס ייִנגל האָט זיכ געדרייט ארומ אימ אונ האָט געבּעטנ:

— פעטער, נעמט מיכ מיט זיכ!

— צו וואָס?

— איכ וועל זענ ווי איר וועט פארשיטנ.

שוועדוניכע, וועלכע איז דערבּײַ געשטאנענ, האָט זיכ צעשריִענ אפּ אימ:

— גאָט בּאהיט, בּא דיר איז א שלעכט אויג. ס'וועט זיכ נאָכ כאס־ווערכאָלילע עפּעס טרעפנ! זע ס'ארא בּאנקעס, ס'ארא ני־מעסער!

טרערנ האָבּנ זיכ געשטעלט טימאָשענ אינ די אויגנ פאר אזא בּאליידיקונג. ער איז גערנ געוועננ אינ דער מינוט ארײַנ א לעבּעדיקער אינ דער ערד. ער האָט זיכ קאמ אײַנגעהאלטנ זיכ ניט פאנאנדערכליפּענ, ער האָט זיכ אויסגעדרייט אונ איז

אוועק ווײַטער. שוועדונ האָט אָבער ראַכמאָנעס געקראָגנ אפנ יאַט.

— וואַרט צו, טימאָש!

אונ ער האָט זיכ צעשריִענ אפנ ווײַב:

— דו ביסט צעדרייט, צי וואָס? וואָס ביסטו אָנגעפאַלנ אפנ יאַט?

דערנאָכ האָט ער זיכ ווײכ געווענדעט צו טימאָשנ:

— זעצ זיכ אַרײַנ אינ שיפ, אונ לאָמיר פאָרנ. ווער וועט דיכ איצטער לערנענ פיש כאַפנ? ס'איז שוינ טאַקע צײַט.

דאָס ייִנגל איז געווענ צופרידנ. ער האָט זיכ פאַרגעסנ אָנ דער פריִערדיקער באַליידיקונג. ער איז אַרופגעקראָכנ אפנ דעק אונ האָט זיכ צוגעקוקט צו יעדער קלייניקייט אינ שוועדונס אונ אינ זײַנ שאָכנס אַרבעט: ווענ מע באַדאַרפ צושלעפנ דעם זעגל צום ווינט אונ ווענ מע באַדאַרפ אים אָפּלאָזנ. אונ אַז מע האָט אָנגעהויבנ פאַרשיטנ די נעצנ, האָבנ זיכ באַ אים אוש אָנגעצונדנ די אויגנ.

מע האָט אָפּגעלאָזט דעם זעגל. דער שאָכנ האָט זיכ גענומענ פאַר די וועסלעס, וואָס ליגנ שטענדיק אָנגעגרייט אינ שיפ, אונ שוועדונ האָט זיכ גענומענ פאַר די נעצנ, וואָס זײַנענ געווענ צונויפגעלייגט פונקט ווי לײַוונט באַם אויסווײַסנ. צום ערשטנ האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם אַנקער אפ אַ שטריק אונ האָט אים ערגעצ פאַרגראָבנ אפנ דנאָ, ער האָט אים אַ צי געטאָנ, צי האַלט ער זיכ פעסט. דערנאָכ האָט ער צוגעפאַסט דעם בויאָק. טימאָש קענ דעם בויאָק, ער איז געווענ פונקט אַזאַ ווי באַ זיי, מיט אַ פענדל אפ אַ הויכנ אַרויסשטאַרטשענדיקנ שטעקנ. דערנאָכ האָט שוועדונ פאַרוואָרפנ פונ יענער זײַט שיפל הילצערנע שווימ־העלצלעכ אפ שטריקעלעכ, האָט איינצײַטיק אויסגעגלײַכט אינ וואַסער די נעצנ, וואָס האָבנ זיכ אַליינ אַוועקגעשטעלט אינ אַ ווערטיקאַלער לאַגע דערפאַר, ווײַל צו דער צווייטער זײַט איז געווענ צוגעבונדנ אַ לאַסט פונ ציגל. דער שאָכנ האָט ביסלעכ־ווײַז געאַרבעט מיט די וועסלעס. נאָכ אַ געוויסנ שטעטכ האָט שוועדונ ווײַטער אַראָפּגעלאָזט דעם אַנקער אינ וואַסער, אונ

נאָר גיכ האָט זיכ הינטער זײ אפנ יאמ אויסגעצויגנ א סטענגע פונ הילצערנע שווימהעלצלעכ. טימאָש האָט ניט אראָפּגעלאָזט קײנ אויג פונ דער ארבעט. ער האָט זיכ אביסל געוווּנדערט, פארוואָס די שווימהעלצלעכ זײַנענ אביסל לענגער איידעת די, וואָס ער איז געווינט געווענ צו זענ אפּט אפנ ברעג צוגעבונדנ צו די שטריקלעכ. נאָר פרעגנ האָט ער זיכ געשעמט. ער האָט אָנגעשטרענגט דעמ מויעכ צו פארשטײנ די זאכ. אינ זײער געפּעס האָבנ זײ אויכ געהאט אזעלכע שווימהעלצלעכ. צומ סאָפ האָט ער זיכ דערמאָנט, וואָס זײַנ פאָטער האָט געזאָגט וואסילנ, ווענ ער האָט זיכ געקליבנ פאָרנ פארשיטנ די האטשעקעס.

— מע דארפ אראָפּלאָזנ די שווימהעלצלעכ. ווי ס'ווײַזט אויס, חעט ווערנ פיש, אונ די פיש וועלנ זיכער גײנ טיפ.

ער איז געקומענ צו אנ אויספיר:

— אהא, דאָס איז צוליב דעמ, מע זאָל אפ א געוויסער טיפ אינ יאמ פארהאלטנ די נעצנ אָדער די האטשעקעס. נו יאָ, אויב די פיש האָבנ לויט די סימאָנימ באדארפט גײנ טיפ, האָבנ די שטריקלעכ מיט די שווימהעלצלעכ באדארפט זײַנ לענגער.

אז מע האָט פארענדיקט פארשיטנ אונ מע האָט דעמ אנקער צוגעפעסטיקט צו דער צווייטער זײַט פונ די נעצנ, האָט שוועדונ פריילעכ א פרעג געטאָנ טימאָשענ:

— נו, זיכ אויסגעלערנט, יאט? ס'איז ניט קײנ גרויסע טוירע. א כארפע זאָלסט ניט וויסנ, ביסט שוינ א גאנצער באָכער. ווענ איכ האָב אזא זונ, וואָלט ער שוינ בא מיר לאנג אלצ געווּוסט. דו ביסט בא דײַנ טאטנ געוואָקסנ א געפּעסטעט קינד.

טימאָש האָט זיכ אזוי שטארק פארויטלט, אז די קלײַענ זײַנענ אפ א ווײַלע ניט געבליבנ. ער האָט זיכ צעפּינטלט מיט די וויִעס אונ האָט אראָפּגעלאָזט די אויגנ.

נו יאָ, ער שעמט זיכ. ער איז שוינ פערצנ יאָר אלט, א פּישערס א קינד, אונ ווייסט נאָכ ביז איצט ניט, ווי מע דארפ כאפּנ.

עמעס, נאָר אפ א קלײנער ווײַלע, אָבער ס'האָט זיכ אינ זײַנ הארצנ אופגעוועקט א סינע צומ פארשטאָרבענעמ טאטנ. ער האָט טאקע צופיל ראכמאָנעס געהאט אפ אימ. וויפל מאָל האָט

זיכ דאָס יינגל געבעטנ, ער זאָל אים מיטנעמענ אָפּ פאַרשיטנ אָדער אויסברעכנ דאָס געפּעט, אונ דער פאָטער האָט אים שטענדיק אָפּגעזאָגט:

— דו ביסט נאָכ א קליינער. נאָכ א יאָר צוויי, וועסט אונ־טערוואַקסנ, וועל איכ דיכ אויסלערנענ. זיכ פאָרענ מיט די האַטשעקעס איז א גאַנצ שווערער איניענ. מע זאָל נאָכ ערגעצ באָענט פאַרשיטנ, וואָלט איכ דיכ נאָכ מיטגענומענ, נאָר אינ אזא ווייט איז א סאַקאָנע. ס'קאָנ זיכ אלצ טרעפנ. אונ באַם ברעג קאָנסטו זיכ דענ עפּעס אויסלערנענ? דאָרטנ שווענקט מענ נאָר, מע ברעכט נעצנ אונ מע שאַרפט האַטשעקעס. פונ די מײַסעס וועסטו זיכ אויכ צו גאָרניט דערלערנענ, ווײַל דער פישער וועט דענ ערגעצ רעדנ וועגנ דעמ, וואָס בא אים איז עס אלצײַנס ווי א מאַכ טונ מיט דער האַנט?

טימאָש האָט אָבער ניט געוווּסט, אז דער פאַרשטאָרבענער נעשטשאַדים האָט אויכ פאַר אים געוויטעקט.

— יאָ, דאָס יינגל וואַקסט אונטער, אונ איכ קענ זיכ נאָכ אלצ ניט אויסקלײַבנ אימ אָנהייבנ לערנענ. בא אזעלכע יאָרנ האָב איכ שוינ אלײנ געהאָלפנ דעמ טאַטנ. אונ לײַט שטעכנ אויכ די אויגנ, — האָט ער אָפּט געטראַכט.

ער האָט זיכ אָבער דערמאָנט אינ די לאַנגע טעג פונ זײַנ מעסוקנ־שווערער האָרעוואַניע אונ האָט א מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט:

— ער וועט נאָכ באַווײַזנ צו האָרעווענ, ער איז בא מיר איינער.

אונ דאָס יינגל איז געלאָפנ אינ שול אַרײַנ, וואָס די ראַטנ־מאַכט האָט געעפנט. ניט געקוקט דערויף, וואָס זײער טשערע־קוטקע פאַרמאָגט ווינציק הויפנ. אונ דעמ לעצטנ ווינטער, כאָטש ער האָט זיכ ניט געלערנט, האָט ער סטאָם געפּוסטעפּאַסעוועט. אונ אינ האַרבסט האָט ער געקליבנ שטײנדלעכ אָפּנ ברעג.

טימאָש האָט אײגנטלעכ ניט געפּוסטעפּאַסעוועט. ער האָט ליב געהאַט קלערנ, טרוימענ. דאָס יינגל האָט געקאָנט אָפּזיצנ א גאַנצנ טאָג אײנער אלײנ מיט זײַנע מאַכשאָווערס אונ קוקנ אָפּ דער אומבאַגרענעצטער וואַסער־ראַכוועס, אָדער באַקלערט זיכ

עפּעס מאכנ: א וועגעלע, אָדער פלעכטנ א סאטשאָק פונ אלטע שטיקלעכ נעצנ, וואָס האָבנ זיכ געוואלגערט באַם ברעג. דעמאָלט האָט מענ אימ געקאָנט טרעפנ באַ דער ארבעט אַנ אומבאַוועגלעכנ. ער האָט וועגנ איר פארגעסנ, אונ ס'קריכט אימ עפּעס אנדערש איינ קאָפּ ארײַנ. עפּשער דערפאר זײַנעַנ זײַנע אויגנ געוואָרנ אזעלכע ערנסטע, שטרענגע אפילע.

וועגנ וואָס האָט טימאָש געטראכט? זײַנ פאָרשטעלונג איז געווענ באַגרענעצט. אָפּטער האָט ער געטראכט וועגנ דעמ, וואָס ער האָט אויסגעלייענט פונ ביכלעכ, אָדער וואָס די לערערנ האָט דערציילט אינ שול, אונ אז ער איז געזעסנ אפנ מעשופּעדיקנ ברעג, האָט ער זיכ געמאָלט בילדער, וואָס קומט עס פאָר פונ יענער זײַט אומבאַגרענעצטער וואסער־ברייטקײַט, וואָס פאר א ברעג איז דאָרט, וואָס פאר א דערפלעכ...

אז זיי זײַנענ ארויס פונ שיפּ אפנ ברעג, האָט שוועדונ געזאָגט צו טימאָשנ:

— מירנ נאָכ וועג ס'איז ארויסנעמענ דאָס געפּעס. דו וועסט זענ, ווי מ'טוט די ארבעט אויכ.

איינמאָל איז צו נעשטשאדימיכענ געקומענ דאָרבאַנ אונ האָט מודיע געווענ:

— גיי זיכ דורכ, דארקע, צו מאָטרענקענ. סאמוילענקאָ פארקויפט זײַנ שיפּ, אונ ער איז מיט אימ שוטפעס. רעד איבער, עפּשער וועט מאָטרענקאָ מאסקימ זײַנ כאפּנ פיש מיט דיר. אינ ערגסטנ פאל וועט ער זיכ נעמענ א גרעסערנ כיילעק, ס'וועט זיכ דיר כאָטש אָנעמענ פיש אפּ זיכ צו דערנערנ.

נאָכ א מינוט שווײַגנ:

— ניט איינמאָל מיסטאָמע איז אויסגעקומענ ארויספאָרנ אפנ יאמ מיט גריגאָרנ?

נעשטשאדימיכע האָט א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ. טימאָש, וואָס האָט זיכ לעבנ זיי ארומגעדרייט אונ האָט געהערט זייער שמועס, האָט גיכ פאָרגעלייגט דער מוטער:

— קומ אינצווייענ צו מאָטרענקענ.

— איכ וועל אליינ גיינ, מײַנ זונ.

דאָס ייִנגל האָט אָבער איַינגעבעטן די מוטער, און זי זיַינען אינצוויַיען אַוועקגעגאַנגען צום פישער.

מאַטרענקאָ האָט אויסגעהערט נעשטשאַדימיכען, האָט קריטיש באַטראַכט איר אויסגעדאַרטע, שוואַכע פיגור, האָט אַ קראַץ געטאָן די פּאַטיליצע.

— וואָס פאַר אַ כאַפּן וועט עס זיַין מיט דיר? נאָר אַ קאָפּדרייעניש. און ס'איז נאָך אַ פראַגע צי סאַמוילענקאָ וועט פאַרקויפן דאָס שיפל. נייַן, מיַין ליב וויַיבל, שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ, זוך זיך אַ צווייטן שוטעף.

נעשטשאַדימיכע האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ. טימאָש איז אַריַין אינמיטן שמועס.

— איך קאָן אויך פאַרשיטן נעצן. לאָמיר כאַפּן צוזאַמען, פעטער. קעדיי ס'זאָל איַיך זיַין גרינגער, וועל איך פאָרן מיט דער מאַמע, און איר באַזונדער.

— גאַנץ גענוג, וואָס דיַין טאַטע האָט מיט דיר אָנגעכאַפּט, — האָט מאַטרענקאָ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און האָט זיך אויסגעדרייט.

אינדערהיים האָט נעשטשאַדימיכע צוגעקוועטשט צום האַרצן דעם זונס וויַיסן קאָפּ און האָט טרויעריק אויסגעשריִען:

— מיר האָבן ניט קיין טאַטן, יעסוימים זיַינען מיר מיט דיר, זון מיַינער! ס'קומט אָן ווינטער, וואָס וועלן מיר עסן, מיט וואָס וועלן מיר הייצן?

איר גאַנצע פיגור האָט זיך הילפלאָז אַ הוידע געטאָן, און דאָס פּנים האָט זיך צעטרייסלט אין אַ שטילן יאָמער, אָן טרערן.

ערגער פאַר אַלץ איז פאַרן ייִנגל געווען דער מוטערס געוויין. דעמאָלט גלוסט זיך אים אַליין וויינען, און מע דאַרף זיך איַינהאַלטן. ער טאָר דאָך ניט, ער איז שוין אַ גרויסער.

ער האָט אַ טרייסל געטאָן דער מוטערס האַנט מיט פאַרדראָס:

— ניט וויין!..

און ער האָט זיך גלײַך פאַרשעמט פאַר זײַן פאַרדראָס. ער האָט אופגעהויבן זיַינע טרויעריקע גרויע אויגן און האָט הייס געזאָגט זיך פאַרבליענדיק:

— איכ װעל פארדינענ געלט, מאמע! איכ װײס, װאָס כ׳דארפ סונ. אויב קײנער װיל מיט אונדז ניט מאכנ שוטפעס, װעל איכ... װעל איכ זיכ פארדינגענ.

נעשטשאדימיכע אלײנ האָט געװוּסט, אז דאָס איז דער אײנציקער אויסװעג. װער װעט אָבער דינגענ? װער דארפ אימ? סײַדנ אימ ארויסשיקנ אפ דער יאבאָשע?..

אפ א נײַ אָרט

נעבנ דער געפּײַדע פונ טשערקוטקיוסקער פישער־געזעל־שאפט—דאָס איז געווענ פאָשעט וואָלאָטשענקאָס הויז, וואָס האָט זיכ אונטערשײדט פונ אנדערע הײַזלעכ דערמיט, וואָס הינטער אים איז געלעגנ א בארג דײזשקעס מיט פונ ווערבעס געפלאָכ־טענע קאָרזינקעס—קאָכט זיכ אנ אוילעם מענטשנ ווי א בײט מיט קאָנאָפּליעס אינ א שטורעם. ס׳האָבנ זיכ פארזאמלט ניט נאָר די פישער, נאָר אפילע ווײַבער אונ קינדער. פארשײדנפאַרביקע פאטשײלעס אונ קאָפּטלעכ, צעשריבערטע טשובעס געל פונ דער זונ, פארשמאָלצענע שליאפּעס—דאָס אלצ האָט זיכ צונויפגעמישט פארפלאָכטנ. מע איז זיכ צונויפגעגאנגענ דערלײזנ א וויכטיקנ איניענ. וועגנ דעם פונקט רעדט איצטער וואָלאָטשענקאָ, דער פאָרזיצער פונ דער געזעלשאפט, א הויכער דארער פארשוינ מיט כײטרע פארזשמורעטע אויגנ. ס׳זאָל זײַנ באקוועמער, איז ער ארויפגעקראָכנ אפ א דײזשקע, וואָס איז געווענ איבערגעקערט מיטנ דעק ארופ.

— איבּ די ראטנמאכט פירט אײַנ דורכויס דעם פינפיאָר, פארשײדענע פלענער, דארפ מענ דאָסזעלבע דורכפירנ אינ דעם פישפאנג. ביז אהער האָט מענ אונדז אויסגעמיטנ, אונ איצט האָט מענ זיכ גענומענ.

— וואָס, זײ וועלנ עפשער איבערשרײַבנ די פיש אינ יאם, זײ נעמענ אפנ כעזשבנ, צי וואָס?—האָט באגרי גיפטיק איבער־געשלאָגנ. ס׳האָט זיכ ווער ניט ווער צעלאכט, אונ דער באלע־גופ האָט צוגעגעבנ—דארפ מענ צוליב דער זאכ עפעס אָנפרעגנ באזונדערע לאמדאָנים.

וואָלאָטשענקאָ האָט אויכ א שמײכל געטאָנ אונ האָט פאָר־געזעצט:

— דער פֿישער־פֿאַרײַן האָט אַלײן װעגן דעם געזאָגט און האָט אונדז אַרײַנגעטראָגן אין פּלאַן אַרײַן. ער האָט פֿאַראָרדנט, אַז ביזן אײַנזאַך זאָל אונדזער געזעלשאַפֿט צושטעלן פֿינף חא־גאָן פֿיש.

— אָהאָ! — האָבן מיטאַמאָל אױסגעשריִען עטלעכע קולעס.

— סײַדן מירן זיך אַלײן פֿאַרזאַלצן און אַרױספֿירן דאָס גאַנצע דערפֿל מיט די שפּענדלעך אינײנעם — האָט באַגרי־װײַטער גיפֿטיק געזאָגט.

— דאָ אין דער פֿאַראָרדענונג רעדט זיך, אַז מע דאַרף די פֿאַנג־פּלענער דערפֿירן צו יעדער הױף. דאָס הײסט, אַז יעדער פֿישער איז מחויב צושטעלן אַ געװיסע צאָל פֿיש. בקיצור, מע מוז צעװאַרפֿן, װיפֿל יעדער אײנער מוז כאַפּן. פֿאַראַן נאָך אַ פֿאַראָרדענונג, אַז די געזעלשאַפֿט זאָל אַכטונג געבן אױף אַלע פֿישערס און זאָל ניט דערלױבן פֿאַרקױפֿן קײן פֿיש אין דער זײַט. װער ס'װעט דאָס טון, זאָל מען אים ניט דערלױבן כאַפּן און אים אױסשליסן פֿון דער געזעלשאַפֿט.

װאָלאָטשענקאָ האָט די װערטער אַרױסגערעדט מיט אַ גיפֿטיק שמײכעלע, װי אײנער רעדט:

„איר זעט, װי די ראַטנמאַכט באַגײט אַן אומעט מיט די פֿישערס. זי דערלױבט שױן ניט. באַלעבאַטעװען איבער דעם אײגענעם פֿישפֿאַנג.

— און טאָמער װעט זיך די פֿיש ניט װעלן כאַפּן, דאַן? — האָט אױסגעשריִען אַ קאָל, װען דער פֿאָרזיצער פֿון דער געזעלשאַפֿט איז אַנשװיגן געװאָרן.

דאָס איז געװאָרן אַ מין סיגנאַל צו אַן אומגעװײנלעכן ראַש. די פֿישערס האָבן זיך אָנגעהױבן באַװעגן, געמאַכט מיט די הענט. צעהיצטע קולעס האָבן זיך צונױפֿגעפֿלאָכטן איבער דעם צעקאָכטן עולם.

— פֿינף װאַגאָנעס!...

— װאָס איז עס פֿאַר אַן אָרדענונג, אױב איך קען ניט באַלעבאַטעװען אױף מײַנע אײגענע פֿיש?

— זאָלן זײ העכערן די פּרײַז, דערנאָך זאָלן זײ פֿאָדערן.

— ריכטיק! עפעס!

באגריס געזעצטע געשטאלט האָט זיכ געשלענגלט, אונ דער פישער האָט אינ אלע זײַטנ צעשאָטנ שארפע, גיפטיקע ווערטער.

— איר זעט, זיכ דערלעבט! מע וועט שוינ באלד פארבאָטנ עסנ. אזוי זאָרגט זיכ די מאכט פאר די פישער. זי פארוואנדלט זיי אינ בײַמיטנ.

דאָרבאנ, וואָס האָט געהערט די רייד, האָט ניט אויסגעהאלטנ. ער האָט זיכ אויפגעכאפט פונ צווישנ דעם אוילעם אונ האָט זיכ אָפּגעשטעלט נעבנ וואָלוואָטשענקענ. ער האָט זיכ אויסגעדרייט צו די פישערס, האָט בײַז א שפּײַ געטאָנ אונ האָט אויסגעשרײַענ:

— דאָס איז דענ אסאכ, מענטשנ טײַערע? וויפל הויפנ זײַנענ דאָ אינ דערפל? ביז הונדערט. זאָל זיכ א העלפט פונ זיי צונויפשפּאנענ, אונ די צווייטע העלפט — זעלבשטענדיק, וועט מענ געבנ ניט פינפ, נאָר צענ וואגאָנעס. באגרי אלײַנ מיט זײַנע פינפ סטאווקעס נעצנ אונ מיט זײַנע פיר סויזנט האטשעקעס וועט כאפּנ א גאנצנ וואגאָנ, אונ איר פילדערט.

— עפשער וועסטו געבנ צוויי, אָבער מײַנ קישקע איז א דינע — האָט באגרי ארײַנגעוואָרפנ א וואָרט.

דאָרבאנ האָט זיכ געווענדעט צו וואָלאָוטשענקענ.

— וויפל פיש האָט פאראיאָרנ הארבסט פארגרייט די געזעלשאפט?

פונ יענער זײַט דייזשקע, אפ וועלכער ס'איז געשטאנענ דער פאָרזיצער פונ דער געזעלשאפט, האָט ארויסגעקוקט די דאָרפישע לערערנ, וואָס האָט בײַ די פישערס אויסגעפילט די פליכטנ פונ א כעזשבנפירער.

— פיר וואגאָנעס!..

— אָט זעט איר, כאווײרים? אונ אז דער זײַט איז אוועק רײַ מאָל אזויפיל. ווער פארקריפט אינ דער זײַט? די רײַכע. דער אָרעמער פישער איז פארשולדיקט דער געזעלשאפט אר־

בער די אויערנ, רײַסט ער אָפּ דאָס לעצטע פּישל פונ בריל אונ טראָגט ארײַנ.

מאָקרי האָט אונטערגעהאלטנ דאָרבאנענ. ס'האָבנ זיכ דערהערט נאָכ עטלעכע מיטפילנדיקע שטימענ. די רײַכערע פישערס זײַנענ אנשוליגנ געוואָרנ, ניט געוואגט דערווידערנ. אונ נאָר אײַנציקע פרויענ־שטימענ האָבנ נאָכ פּראָטעסטירט, דערמאָנענ דעמ מארק אינ שטעטל אונ דײַטשישע קאָלאָניעס אפ דער יאבאָשע, וווהינ זײ האָבנ געטראָגנ פארקויפנ די פיש. באגרי האָט אויכ אומגעריכט איבערגעדרײט זײַנ טאקטיק. דאָס איז געווענ א כיטרער באלעגופ. ער האָט געוווּסט, ווענ וואָס מ'דארפ רעדנ. ער איז ארופגעקראָכנ אפ דער דײַזשקע, ווו וואָלאָדשענקאָ אונ האָט אויסגעשריענ:

— בירגער, לאָמיר אונטערהאלטנ די ראטנמאכט! קײנ ברויט איז ניט געראָטנ אפ דער יאבאָשע, איז איר, ווײַזט אויס, דאָס בײַכעלע אײַנגעשרומפּנ געוואָרנ. לאָמיר געבנ פינפ וואגאָנ פיש, זאָל מענ אונדזער געזעלשאפט אונ די פלײַסיקערע פישערס — ס'הײסט, ווער ס'וועט געבנ מערער — פארשרײַבנ אפ דער רויטער ברעט.

די וואָס זײַנענ פריִער מיט אים געווענ אײַנשטימיק, האָבנ אויכ געלאזנ באמערקט:

— עמעס טאקע, וואָס דארפ מענ אומזיסט מאכנ א געשריי, אז ס'וועט זיכ ניט כאפּנ קײנ פיש, וועט מענ אונדז דערפאר ניט הענגענ.

דערנאָכ איז ארויסגעטראָטנ וואָלאָדשענקאָ.

— מע דארפ אויסטײלנ א קאָמיסיע, וואָס זאָל פאנאנדער־טײלנ, ווער וויפל ס'דארפ געבנ.

ס'האָט זיכ ווידעראמאָל אופגעהויבנ א געפילדער, שרײַנ ארום דער קאָמיסיע. די רײַכע האָבנ געשטימט פאר באגריענ אונ פאר נאָכ אײַנעמ א זײערנ, אונ די אָרעמערע — פאר מאָקריענ. דאָרבאנענ האָט מענ ניט דערמאנט, מע האָט ניט ליב געהאט דעמ קאפּנ פאר זײַנ כיטרעמ אויסזענ. אונ ווידער האָט באגרי פארוואנדערט דעמ אוילעמ מיט אנ אומדערווארטער זאכ.

— איכ בינ פאר דעם כאוועד דאָרבאנ. אלעמענ איז באוווּסט, אז ער איז בײַ אונדז אנ אקטיוויסט אונ, הייסט עס, אנ אָרע־מער, אונ אויב ראטנמאכט, באדארפ מענ אומבאדינגט אנ אקטיוויסט.

מע האָט זיכ אביסל געשפארט אונ אינ דער קאָמיסיע אויס־געקליבנ דאָרבאנענ, מאָקריענ אונ טאקע באגריענ. דערנאָכ, אז מע האָט זיכ אָנגעהויבנ פאנאנדערגײנ, האָט דערזעלבער באגרי פארהאלטנ דעם אוילעם.

ניט אנדערש, אז דער באלעגופ האָט זיכ הײַנט אונטערגע־נומענ פארוווּנדערנ דעם אוילעם מיט זײַנ אויפירונג. פאר דעם האָט ער זיכ ארומגעדרייט ארומ דעם אוילעם פישערס אונ האָט זיכ צופעליק אָפּגעשטעלט לעבנ נעשטשאדימיכענ, וואָס איז מיט טימאָשנ געשטאנענ פונ דער זײַט. ער האָט א בליק געטאָנ אפ דער אײַנגעדארטער פרויענ־געשטאלט, אפ דעם יינגלס קלײַענ, אונ ס'איז אימ ארײַנ אינ קאָפּ א געהיימער געדאנק. די פישערס האָבנ זיכ פּונקט אָנגעהויבנ פאנאנדער־גײנ. דער באלעגופ האָט א ווײַלע געטראכט, קראצנדיק די קײַלעכיקע, שטעכנדיקע באָרד, וואָס איז געווענ ענלעכ צו א פלײַצע פונ א שטעכלער. דערנאָכ האָט ער אָנגעשטעלט דעמ פינגער אינדערהייכ, האָט מיט אימ א דריי געטאָנ אינדערלופטנ אונ האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ צו פארהאלטנ די מענטשנ.

— וואַרט אויס, בירגער, פאראנ נאָכ אנ איניע.

ער איז א לאָפ געגעבנ אינ דער זײַט אונ האָט זיכ אָפּגע־שטעלט אפ דער דײַשקע.

— איכ וועל זײַנ קורצ, בירגער! ס'הייסט, אז די ראטנמאכט האָט אינ פארשײדענע שטעט אונ זאוואָדנ אײַנגעפירט פאר־שײדענע סאָצפארזיכערונג. אז ווענ א־מענטש פאלט ארײַנ אינ א ביטערער לאגע, זאָל ער האָבנ הילפ. אפ דער יאבאָשע האָבנ די הרעטשקע־זייער אָרגאניזירט א געזעלשאפט פונ קעגנזײַ־טיקער הילפ, אָט אזא ווי אינ אנדערע דאָרפ־ראס, דורכויס אפ דער גאנצער וועלט פארשײדענע מאָפּרענ, [illegible]וויעכעמנ — דאָס אלצ איז קעדײַ צו העלפנ די מענטשנ.

באַגרי האָט געערדט און האָט מיט אַ צופרידענעם פּאָנעם געקוקט אין אַלע זײַטן, ווי ער זאָל זיך באַרימען: „איר זעט, ווי איך רעד צו דער זאַך“. עמעצער האָט אַפילע אויסגעשריִען:

— אָט אַ רוח באַגרי, זיך דאָס אויסגעלערנט דאַבערן!

— נאָר בײַ די פּיש-כאַפּערס איז ניטאָ קיין סאָצפּאַרזיכער־רונג — האָט דער באַלעגופּ פאַרגעזעצט זײַן רעדע. אַ מאַבל, עמעצער איז אומגעקומען, דאַרף די פאַמיליע אומקומען. איז עס דען אַן אָרדענונג? איך רעד, צום בײַשפּיל, אָט צוליב וואָס. איר האָט דאָך אַלע געקאָנט גריגאָר נעשטשאַדימען?

דאַרקע נעשטשאַדימיכע, וואָס האָט די גאַנצע צײַט זיך אײַנגעהערט צו באַגריס ווערטער, האָט אַ ציטער געטאָן, ווען מע האָט דערמאָנט איר מאַנס נאָמען, און טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן און געשטיקט אין האַלדז. ניט ווילנדיק האָט זי זיך אַרויסגערוקט פאָרויס און זיך אײַנגע־גראָבן אינעם רעדנער מיט די אויגן.

— אַ גוטער פּישער איז ער געווען, אַן אַרבעטספּעקער, — האָבן זיך איבער איר קאָפּ געטראָגן ווערטער, — און דער מענטש איז אומגעקומען און האָט איבערגעלאָזט אַן אַלמאָנע מיט אַ קינד אָן מיטלען, אָן געלט. איר ווייסט, בירגער, אין וואָס פאַר אַ שווערער לאַגע געפינט זיך אָט די נעשטשאַדימיכע? ס'נעמט דיך אָן אַ גרויל, אַז דו גיסט אַ קוק אויף דער אָרעמער אַלמאָנע.

בײַ דאַרקען האָבן זיך צעקאַפּעט טרערן, און אַ וואַרעמער דאַנקבאַרער געפיל צום באַלעגופּ האָט זיך צעגאָסן איבער אירע אַלע אייווערים. ווער וואָלט עס געקאָנט קלערן, אַז באַגרי וועט עס פאַר איר, דער אָרעמער זיך אײַנשטעלן? זעסט, ווי ער האָט מיטלייד.

דער אוילעם האָט זיך אָנגעשטרענגט און געהערט, וואָס וועט דער רעדנער ווײַטער זאָגן. דאָרבאַן האָט פאַרקנײַטשט דעם שטערן און האָט גיך געפינטלט מיט די וויִעס, זיך באַ־מיִענדיק אַרײַנטראַכטן אין דעם, וואָס קומט איצט פאָר פאַר אים. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט ריכטן אויף באַגריס אַזאַ מין אַרויסטרעטונג.

— הייסט עס, בירגער, איך טראכט אזוי: מע דערפ פאר דער אלמאָנע אָרגאַניזירנ סאָצפאַרזיכערונג, מע דארפ איר העלפנ. פארשטייט זיך, אז מיר וועלנ זיך ניט צונויפלייגנ צו קאָפּיקעס אָדער מיט שפּײַז, ווײַל נעשטשאַדימיכע איז ניט קיינ בעטלערנ. מע דארפ איר אנדערש העלפנ. איך, לעמאָשל, מעלדע פאר אלעמענ, אז איך נעמ צו זיך איר זונ. פארשטייט זיך ווינטער וועט ער בא מיר לעבנ פאר כארטש, אונ צו פרילינג וועל איך עפּשער אויך געהאלט אים אָנצייכענענ. כ'וועל אים אויסלערנענ פיש כאפּנ אונ דאָס גלײַכנ. איצט בענעגייע דארקענ. מע דארפ, אז יעדערער פונ אײַך, בירגער, זאָל ווי ווײַט מעגלעך איר צושטעלנ עפּעס אנ ארבעט. דער זאָל זי רופנ אויסשמירנ די שטוב, דער — פאריכטנ די נעצנ, אונ די אלמאָנע וועט זיך אזוי פארדינענ אפּנ עסנ א האלב קערבל צי א פונט פיש... אָט דאָס אלצ, טײַערע מענטשנ. מיט איינ וואָרט, איך בעט אײַך געבנ דער אלמאָנע אלערליי ארבעט!...

דער אוילעמ האָט זיך אנטוישט, זיך אָנגעהויבנ באוועגנ. עמעצער האָט איראָניזירט:

— וואָס זאָגסטו עפּעס אפּנ אָפּעקונ?...

אָבער וויבאלד דאָס איז געזאָגט געוואָרנ אפּ אנ אסיפע פונ א גאנצנ אוילעמ, דארפ מענ זיך אנדערש שטעלנ צו דער זאך דערפאר זײַנענ די פישערס מאסקימ געוואָרנ אונ האָבנ געהודעט:

— ווי דענ? מע דארפ. די פרוי קענ דאָך ניט אומקומענ!

דאָרבאנ האָט א דריי געטאָנ דעמ קאָפּ מיט קאס, האָט א שפּײַ געטונ אונ האָט א ברומ געטונ אונטערנ נאָז:

— נו, האָט ער עס דיר פארדרייט, דער שעד. צו וואָס פירט ער אלצ?...

אונ ער האָט זיך ווידער פארטראכט. באגרי האָט אָפּגעווישט דעמ פארשוויצטנ פּאָנעמ, איז ארויפגעקראָכנ פונ דער פאס, איז צוגעגאנגענ צו דער פארווײַנטער נעשטשאַדימיכע אונ האָט פײַערלעך געזאָגט:

— דו קאָנסט אפילע הײַנט צו מיר ברענגענ צו פירנ דײַנ יירעש.

דארקע האָט זיכ טיפ פארנויגט אונ האָט געמאכט א באווע־
גונג אימ א קוש צו טונ אינ האנט. דער באלעגופ אָבער איז
שוינ אנטרונענ געוואָרנ...

טימאָש איז געווענ פארטראָגנ אינ זיינע געדאנקענ. ער האָט
אפילע ריכטיק ניט פארשטאנענ, וואָס טוט זיכ ארומ אימ. אז
וואָלאָדשענקאָ האָט נאָכ צומ אָנהייב פונ דער פארזאמלונג
גערעדט וועגנ פינפיאָר אונ וועגנ די פלענער, האָט ער זיכ
דערמאָנט אָנ דער לערערקעס רייד, ווי יענע האָט אמאָל
דערציילט וועגנ דער מעלוכע־אָרדענונג, וועגנ דער פאָלקס־
ווירטשאפט, ווי אלצ איז געבויט, אז יעדער מענטש, וואָס האָ־
רעוועט, בויט שוינ דערמיט די ווירטשאפט, אונ וואָס מער
ער וועט אויפטונ, וואָס ער מערער געבנ, וועט די גאנצע ווירט־
שאפט זיכ שנעלער דערהייבנ, אונ דער גאנצער צושטאנד פונ
דער מעלוכע וועט פארבעסערט ווערנ.

— אז איר וועט אויסוואקסנ, איז ווו איר זאָלט ניט זיינ, דארפ
מענ ערלעכ ארבעטנ,—האָט די לערערקע דעמאָלט אויסגערופנ.

אונ איצטער האָט דאָס ייִנגל ניט פארשטאנענ, פארוואָס
שפארנ זיכ דערוואקסענע פישערס. ס׳האָט אימ ווי׳ געטאָנ
פאר זיי. לויט זיינ געדאנק דארפ מענ כאפנ ניט פינפ וואגאָנ
פיש, נאָר מערער. דעמאָלט וועט זיינ גוט פאר דער מעלוכע
אונ פאר אלעמענ, אונ מער ווי שטענדיק האָט זיכ אינ דער
רעגע דעמ ייִנגל געוואָלט זיינ א גרויסער פישער.

נעסטעשאדימיכע האָט איבערגעשלאָגנ זיינע געדאנקענ אונ
אימ שטיל א צי געטאָנ בא דער האנט:

— קומ אהיימ!

אינ שטוב האָט די געלערנט איר זונ:

— דו וועסט לעבנ בא באגריִענ, איז זי, פאָלג דעמ פעטער.
דו האָסט זיכ אליינ בארימט, אז דו וועסט גיינ זיכ פארדינגענ,
אז דו וועסט קומענ צו הילפ דער מאמענ. אָט האָט זיכ דאָס אזוי
באקומענ. בא פרעמדע מענטשנ איז ניט ווי אינדערהיימ. מע
דארפ זיכ צוקוקנ אונ זיכ צוהערנ צו יעדנ וואָרט, וואָס דער
באלעבאָס זאָגט.

די מוטער האָט גערעדט, און איר האַרצ האָט געווייטעקט. זי האָט דענ אַמאָל געטראַכט דערפונ, אַז זי וועט איר איינ־ניינציק קינד פאַרדינגענ?

דער געפיל פונ דאַנקבאַרקײַט צומ באַלעגופ איז שוינ פאַרשווונדנ. אַנשטאָט דעמ האָט א טיפע דײַגע געזויגנ איר האַרצ.

— באַגרי איז א גוויר, ער וועט דעמ גאַנצנ זאַפט אויסזויגנ פונ קינד. און דאָס יינגל איז בא אונדז ניט זייער געוווינט צו שווערער אַרבעט.

ס'איז אַרײַנגעקומענ דאָרבאַנ.

— יאָ, באַגרי האָט פאַרגעבנ אַנ אויפגאַבע. זעסט, ס'אַרא באַלראַכמימ ער איז געוואָרנ, צעלייגט זיכ פאַר קאַפצאָנימ. צו וואָס טוט ער דאָס? — האָט ער גערעדט צו זיכ אַלײַנ. און דערנאָכ האָט ער געווייצעט נעשטשאַדימיכענ, — דו גיב זיכ ניט אונטער. זאָל ער פונעמ ערשטנ טאָג אָנ באַשטימענ געהאַלט פאַרנ יינגל. ניטאָ קיינ נאַראָנימ אַרבעטנ אומזיסט. און אַז דו וועסט אָפגעבנ, קוק זיכ צו, דער באַלעגופ זאָל ניט צופיל אויסיאָגנ דאָס יינגל... איכ מיינ, אַז ס'איז עפעס דאָ ניט גלאַט. באַגרי דאַרפ ניט האָבנ קיינ נײַמיט. די טשאַסטנישטשיקעס טויגנ פאַר אימ בעסער, און אינ דער באַלעבאַטישקײַט וועלנ זײַנע הימישע סטײַען. בקיצור, דאָרט ווו דער באַלעגופ דרייט, מוז אומבאַדינגט זײַנ א פאַסטקע. דו וועסט ניט באַווײַזנ זיכ אַרומקוקנ, ווי דו פאַלסט שוינ אַרײַנ אַהינ.

פאַרנאַכט האָט נעשטשאַדימיכע אָפגעפירט טימאָשנ אינ באַגריס שטוב. דער באַלעגופ האָט געקוקט אָנ א זײַט און האָט געזאָגט צומ ווײַבל:

— אָט האָסטו דיר, דאַרקע, סאָוועצקע וואָלאַסט. מע זאָגט, זי העלפט די אָרעמע. אַסאַכ האָט זי דיר געהאָלפנ? ביסט געגאַנגענ אינ דאָרפראַט, וואָס האָט מענ דיר געזאָגט? ניינ, ווײַבל, נאָר אַנ אייגענער ברודער קענ העלפנ. מיר האָבנ א ציילעמ אינ דער נעשאָמע.

ער האָט לאַנג געשמועסט אַפ דער טעמע און האָט פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

— איך וועל פונ דײַנ ייִנגל קיינ שום נוצ ניט האָבנ. איך דארפ אים ניט. ווײַל איך האָב א גוט הארצ, איך הייטיק פאר די אָרעמעלײַט.

נאָך אזעלכע רייד האט נעשטשאדימיכע ניט געוואגט רעדנ וועגנ סכירעס. אז זי איז אוועק אהיים אונ געלאָזט סימאָשנ, האט זיך באגרייִכע אָנגעוואָרפנ אפנ מאנ.

— צו וואָס האָסטו אים געגומענ? פאסקודענ די שטוב? מע זאָגט דאָך איצטער, ווער ס'האלט נײַמיטנ, צאָלט גרויסע שטײַערנ.

באגרי האט כיטרע אונטערגעווונקענ.

— שווײַג, האָרפינע! דו פארשטייסט גאָרניט. ניט-קיינ נײַמיט האָב איך געדונגענ, איך האָב געטאָנ א צדאָקע-זאך.

ער האט זיך א שנאָל געטאָנ מיטנ פינגער אינ שטערנ אונ האט צוגעגעבנ:

— דאָ איז ניט קיינ פּאָלאָווע, נאָר סייכל. אלצדינג באצײַטנס באַרעכנט.

אז באגרי איז געבליבנ אליינ, האט ער אָנגעהויבנ אײַנ-בויגנ די פינגער.

— וואָלאָווטשענקאָ איז אפ מײַנ זײַט — איינס. נאָך דעמ פאל וועט ניט איינער ציִענ פאר מיר זײַנ האנט — צוויי, אונ ס'וועט זײַנ מיט וואָס זיך אויסשטעלנ פארנ פאָרשטייער פונ רײַ-פאריינ. מע דארפ ווערנ א סאָוועצקער עלעמענט.

דער באלעגופ האט זיך בייז צעלאכט.

סימאָשנ האט מענ באלייגט שלאָפנ אינ שטוב אונטערנ פריפעטשעק. דאָס ייִנגל האט זיך געוועג אײַנגעאָרדנט דאָרטנ אפ א באנק, נאָר האָרפינע האט אָנגעשריִענ:

— דו וועסט אָפרײַבנ די פארב. צו א גרויסער קאָווער פאר אזא נישטיקנ פארשוינ שלאָפנ אפילע אונטערנ פריפעטשעק. דו וועסט נאָך דעמ געלעגער פארפאסקודענ.

דאָס האט שטארק באלייִקט דעמ יאָס. ער האט ארײַנגע-שטעקט דעמ פאָנעמ אינ ד[illegible]ונטערגעשפרייטע שמאטעס אונ האט באנאכט לאנג געכליפּעט.

—

א פרעמד שטיקל ברויט

טימאָש האָט אזוי פארשטאנען רײַכטום.

אז ער איז נאָך געווען אין שול, האָט ער שטארק מעקאנע געווען דוסיע באגריס, כאָטש ער האָט עס ניט ארויסגעוויזן. זי האָט שטענדיק געבראכט אָפּ אָנבײַסן פלאָדן מיט פלייש, כאזער אָדער בולקע מיט פוטער. ס׳פלעג נאָך ווער ברענגען אזא אָנבײַסן, אָבער ניט אָפט. אנדערע פלעגן ברענגען פיש מיט קארטאָפל, וואָס איז דעם ייִנגל פון קינדווײַז אָן נאָך נימעס געווען. טימאָש האָט דעמאָלט געפרעגט בא דער מוטער:

— פארוואָס באקסטו ניט קיין פלאָדן מיט פלייש? אנדערע עסן, און דו גיסט עס קיינמאָל ניט.

— דאָס עסן די גווירים, און מיר זײַנען אָרעמע.

ניט אײַנגענעמען אויך איז פארן ייִנגל געווען קוקן אָפּ באגריס בארקאסן באם יאם נעבן. זייער וווינונג. נײַע, דורכגעסמאָלעטע, האָבן זיי אויסגעזען, ווי זיי לאכן אָפּ מיט די פארסמאָלעטע זעגלען, זיך הוידענדיק אָפּ די כוואליעס. און זייער בארקאס איז א פּאָשעטינקער, א שוואכינקער. דוסיע פלעג זיצן אין איר שיפ, פלעג קוקן אָפּ אים, ווי ער גיסט אויס די וואסער פון זייער שיפל.

— פארדריפּעטע! ניט קיין בארקאס איז בא אײַך, נאָר א רעשעטע. א ראבער ווי דו אליין.

טימאָשן פלעג עס שטארק פארדריסן, און ער פלעג מיטן וואסער לויפן אָנשלאָגן דוסיען.

ער האָט געוווסט, פארוואָס איז עס אלץ אזוי, ווײַל דער טאטע פלעג אָפט הויך זיפצן:

— עך, נויט, מײַן ביטערע — קיין רעכטן בארקאס קאָנסט ניט מאָכן. אָבּ די גווירים קענען אלץ.

און נעשטשאדים האָט געזיפצט און געקוקט מיט קינע אפנ שאָכנס בארקאסנ.

טימאָש האָט זיך געגריבלט אינ זײַנע געדאנקענ, האָט זיך געפרעגט, פונוואנענ האָט זיך גענומענ צו באגריִענ אזא גוטס, דערנאָך האָט ער געטרוימט דערפונ, אז ער וועט אויס־וואקסנ, וועט ער זייער אסאך ארבעטנ, ביז ער וועט אזא בארקאס זיך מאכנ...

די ערשטע טעג האָבנ די באגריִעס ניט געקריוודעט טימאָשנ און האָבנ אים ניט שטארק געצוווּנגענ ארבעטנ. סײַדנ נאָר האָרפינע פלעג גלאט אזוי פונ גאָרנים אָנשרײַענ אפ טימאָשנ, און דוסיע אויך. ס'א מינ צולאָכעסדיק מיידל. דאָס באווײַזט זי דיר א צונג, דאָס רייצט זי דיך מיט די קלײַענ. טימאָש פלעג זיך מאכנ ניט הערנדיק. נאָר איינמאָל האָט ער ניט אויסגעהאלטנ, און אז זי האָט אים א קניפּ געגעבנ, האָט ער זי א שטויס גע־טאָנ מיטנ פויסט אינ זײַט. דוסיע האָט זיך מיט טרערנ געלאָזט צו דער מוטער, און די מוטער האָט אים דערפאר שטארק אָנ־געריסנ פאר די האָר. פונ שול נאָך האָט ער ניט ליב געהאט אָט דאָס מיידל, און איצט האָט ער זי אָנגעהויבנ האסנ.

אלע טאָג, פונזינט דער פאָטער איז אומגעקומענ, איז דעם ייִנגל אָפט אויסגעקומענ ניט דערעסנ, און גייענדיק צו באג־ריִענ, האָט ער געטרוימט, אז דאָרט וועט ער זיך אָנעסנ צו זאט, ווײַל זיי זײַנענ דאָך גווירים. ס'האָט זיך אָבער באקומענ גאָר אנדערש. די באגריִעס האָבנ אים ניט געזעצט צום טיש, האָבנ אליינ אופגעגעסנ אלע געשמאקע זאכנ, און אים האָט מענ גע־געבנ די שיראַים פונעם איבערגעפליוכעטנ באָרשטש אָדער פונ דער יויך...

דאָס ייִנגל איז געוואָרנ מער אופמערקזאם. די מוטער האָט דאָך אויך אָנגעזאָגט זיך צוקוקנ צו די באלעבאטים, נאָכגעבנ זייער ווילנ. און אינגיכנ האָט ער באמערקט, אז די באגריִעס האָבנ פײַנט מענטשנ, און ערגער פונ אלצ — די ראטנמאכט.

טימאָש האָט די ראטנמאכט פארשטאנענ לויט זײַנ סייכל. די ראטנמאכט איז לויט זײַנ פאָרשטעלונג געווענ אָט וואָס —

שטרענגע פּעטערס זיצנ ארומ טיש אונ טראכטנ, טראכטנ אונ פירנ אײַנ א סיידער. אינ שול האָט מענ דערציילט דערפונ. ער איז אָבער געווענ פיל קלענער. האָט ער מיט פּלאָנטער פארשטאנענ אלצ, וואָס מע האָט געזאָגט. אזוי האָט אימ געמאָלט זײַנ פאָרשטעלונג. אונ ער האָט די ראטנמאכט אזוי ליב געהאט, ווײַל זי אָרגט זיכ פאר קינדער. דערפונ האָט אימ די לערערנ אָפּט דערציילט, אונ טימאָש האָט עס אליינ געזענ אפּ בילדלעכ. ער האָט געפּאקט א זשורנאל אונ ער האָט דאָרט געזענ קינדער — פּיאָנערנ אפּ א פּאראד. דערנאָכ קינדער, וואָס זײַנענ געשטאנענ א גאנצע גרופּע אינ וואלד. אונ ער האָט וועגנ דעמ געלייענט. א גאנצ זומער לעבנ דאָרט די קינדער, באָדנ זיכ, פארנעמענ זיכ מיט פיזקולטור. דעמ ייִנגל האָט זיכ שטארק געוואָלט זײַנ אינ אזא גרופּע, אָבער בא זייער שול איז ניט געווענ קיינ פּיאָנער־אָטריאד, קיינער האָט אימ ניט געקאָנט אָרגאניזירנ, ווײַל דאָס דערפל איז א פארוואָרפנס, א קליינס. אפּ גאנצ טשערעקוטקע איז אינגאנצנ געווענ צוויי קאָמיוגיסטנ, אונ מע האָט זיי אויכ פאראיאָרנ הארבסט אוועקגערופנ אינ מיליטער.

אינדערהיימ האָט טימאָש אזעלכס געהערט וועגנ דער מאכט.

ווענ ס׳פלעג די נויט דערגיינ ביזנ הארצנ, פלעג דארקע עמעצנ מוסערנ:

— מע האָט געזאָגט, אז ס׳וועלנ ניט זײַנ די פּריצימ, וועלנ די אָרעמע לעבנ בעסער. אונ אָט זײַנענ זיי די סאָוועטנ, אונ דער אָרעמאנ איז מיט צאָרעס באשאָטנ ווי מיט לײַז.

נעשטשאדימ האָט איבערגעשלאָגנ זײַנ פרוי:

— אפּ אלע מײַלער וועט דיר ניט קלעקנ, כאָטש ס׳איז אָפּטמאָל גאנצ שווער, אָבער דערפאר זײַנענ מיר איצט קיינעמ ניט שולדיק. מיר ארבעטנ נאָר אפּ זיכ. דערמאָנ זיכ נאָר, ווי מיר האָבנ כאסענע געהאט. סיוואָקינ דער פיש־הענדלער פלעג אונדז אזוי פארפּלאָנטערנ מיט די כיוועס, אז מיר פלעגנ פונ זיי גאָרניט קאָנענ ארויסקריכנ. באטאָג אונ באנאכט האָבנ מיר געהאָרעוועט אפּנ פיש־הענדלער, קיינ שײַנ פאר די אויגנ ניט געזענ.

דארקע האָט זיכ דערמאָנט, האָט א זיפצ געטאָנ און האָט אופגעהערט מוסערנ...

בא די באגריִעס האָט זיכ עס געטראָפנ אויגעריכט. טימאָש איז ארײַנ אינ שטוב. אינ שטוב איז קײנער ניט געווענ, נאָר לינקס, פונ יענער זײַט ווענטל האָבנ זיכ דערהערט די באַלע־באטימס שטימענ. דאָס ייִנגל איז צוגעגאנגענ צום ווענטל עפעס א פרעג טונ. די באַלעבאטים האָבנ אים ניט באמערקט, ווײַל זײ זײַנענ געווענ פארנומענ מיט זײער זאַכ. זײ האָבנ זיכ געגראָבנ אינ קעסטל, האָבנ געכעזשבנט און גערעדט.

— און אז געלט איז דאָ, ווּעסטו דענ פאר זײ עפעס קױפנ? — האָט זיכ דערהערט האָרפינעס שטים.

— מע קאָנ קױפנ, איז קײנ פרײַהײַט ניטאָ — האָט באגריִ געענטפערט. עכ, ווענ ס׳קערט זיכ אום דאָס אלטע. איכ וואָלט געוואָרנ א גוויר אפנ גאנצנ קרײַז. און אזוי האָסטו צווײ באר־קאסנ, פינפ סטאווקעס, עפעס בידנע טויזנט האטשעקעס, און דאָכ האָסטו מוירע, מע זאָל דיכ ניט פארעכענענ פאר קײנ באַלע־גופ.

ער האָט זיכ אויסגעגלײַכט.

— די סאָוועצקע וולאסט האָט פארפײַניקט אונדזערע פיס, זאָל זי גײנ אינ דר׳ערד.

באגריִעס געזיכט האָט זיכ פארקרומט פונ שארפער סינע, אומענטשלעכער האס האָט זיכ צעברענט אינ זײַנע צעראַ־טשעטע אויגנ, און שוים איז ארויסגעטראָטנ אפ זײַנע ליפנ. טימאָש האָט זיכ אזש דערשראָקנ. ער האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ אפ צוריק, האָט אָנגעטראָטנ אפ דער ווילקע און האָט אופגעהויבנ א קלאפערײַ. די מומע האָרפינע האָט ארויסגעשטעקט דעם קאָפ, האָט אים דערזענ און האָט מיט א הוקע געוואָרנט דעם מאנ:

— שטילער, דו! ט׳זיכ צעשריִענ! — און זי האָט זיכ צעבײזערט אפנ ייִנגל:

— וואָס פלאָנטערסטו זיכ דאָ ארום? ווײניק אָרט פאר דיר אינ הוים?

טימאָש איז ארויס, און א סינע האָט זיך דערוועקט און זײַנ הארצנ צו די באגריִעס. א סינע און אײנצײַטיק א בײזע האנאָע, וואָס די ראטנמאכט האָט זיי געפּענטעט. וויִאזוי האָט זי זיי געפּענטעט, האָט זיך דאָס יינגל ניט געגריבּלט, ס'איז אים ניט בייטיק געוועזנ. שפּעטער האָט טימאָש באמערקט נאָך א קליי־ביקײַט.

אומעטום פאר לײַטנ, ווו מע האָט נאָר געקאָנט, האָט באג־ריִכע גערעדט:

— ס'הערשט איצט א סינע צווישנ מענטשנ. אײנער קוקט קרום אפנ אנדערנ, מע באהאלט זיך. און איך האָב אזא הארצ, אז ס'גלנסט זיך מיר מיט אלעמענ טיילנ אי פרייד, אי לייד, לעבנ מיט אלעמענ בעשאָלעם. צווישנ די פּישערס איז נאָך ניט אזוי, אָבער וואָס טוט זיך אפ דער יאבאָשע? גאָט זאָל באהיטנ! ס'האָבנ זיך באוויזנ פארשיידענע נעזאמאָזשניקעס, קאָמוניסטנ. אײנער שפּײַט דעם צווייטנ אינ די אויגנ. אײנער מאסערט אנ אייגענע שוועסטער, אז בא איר ליגט באהאלטנ אנ איבעריקער פוד ברויט.

האָרפּינע האָט טרויעריק געשאָקלט מיטנ קאָפּ און האָט געזיפצט.

— צו וואָס דארפ מענ טיילנ די מענטשנ אפ רײַכע און אָרעמע? לויט מײַנ געדאנק זײַנענ אלע גלײַך. ווענ בא מיר וואָלט א קינד געבוירנ געוואָרנ, וואָלט איך גערופנ נעשטשאדי־מיכענ און ניט די גווירנטע טשוטשמאנענטשיכע. דאָס איז אלצ דערפאר, וואָס מיר פארגעסנ אינ גאָט.

אײנמאָל איז צו די באגריִעס ארײַנ די באבע גאָלאָוועטשיכע. א מוטער פונ יענעם קאָמיוגיסט, וועלכער איז פאראיאָרנ הארבסט אוועק אינ מיליטער. איר טאָדאָס איז אינ דערפל א באפולמעכטיקטער פונ דאָרפראט געוועזנ. איז די באבע געקומענ און האָט זיך גענומענ בארימענ:

— מײַנ טאָדאָס האָט מיר צוגעשיקט א בריוו. ער דינט אינ פלאָט, אזש אינ סעוואסטאָפּאָל. ער שרײַבט, אז ס'לעבט זיך אים גוט. און נאָך שרײַבט ער, אז ער איז געוועזנ אינדערהיים,

איז ער געווענ א נאר. מענטשנ רירנ זיכ אומעטום, טוענ אלצ, מע זאָל אָנהייבנ לעבנ אפּדאָסנײַ. אונ ער האָט גאָרניט געטאָנ איצט, מאמע, שרײַבט ער, אז איכ וועל קומענ, ווע... איכ אַם געווים גאָרניזירנ א קאָלעקטיוו פונ פּישערס אונ וועל אפּיסעלע צעטרייסלענ די טשערעקוטקיווסקער גווירים. ווײַל אזוי לעבנ זיי זיכ דאָרט א גוטנ טאָג...

גאָלאָווענטשיכע האָט זיכ דערמאָנט פאר ווּעמענ זי רעדט. האָט זי אָנגעהויבנ כאפּנ אפּצוריק.

— קלאָר... יונג, גרינ...

די מומע האָרפּינע האָט בייז א בלישטשע געטאָנ מיט די אויגנ.

— פונוואנענ זאָלנ זיכ אינ טשערעקוטקע נעמענ גווירים?

דערנאָכ האָט זי אָנגעהויבנ זיכ פאנאנדערשיטנ פאר גאָלאָווענטשיכענ:

— איר האָט אונדז פארגעסנ, באבע. איר קומט קיינמאָל ניט ארײַנ, איר זאָלט אמאָל ארײַנ צו ווארעמעס, געזעסנ, דערציילנ נײַס. איכ זאָג אָפּט צו מײַנ דמיטרענ, פארוואָס קומט קיינמאָל ניט ארײַנ די באבע גאָלאָווענטשיכע? קומט צו גייג.

אונ אז די באבע איז ארויס, האָט זיכ האָרפּינע א וואָרפּ געטאָנ אָפּווישנ דאָס אָרט, וווּ זי איז געזעסנ.

— א רוכ! האָט זי עס אָנגעשטונקענ. רויִעס קאפּצאָנישע! איכ דארפּ דיכ האָבנ נייטיק.

טימאָש, וואָס האָט געפּליקט פּעדערנ הונ יענער זײַט ווענטל, האָט דאָס אלצ געהערט אונ זיכ געוווּנדערט, פארוואָס איז די מומע אזא גוטע פאר לײַטנ, אונ אז מיגיזט נאָר אוועק, ווערט זי גאָר אנ אנדערע.

די גאנצע צײַט האָט דאָס יינגל אויסגעפּילט פארשיידענע ארבעט אינ דער ווירטשאפט, אונ איינמאָל האָט אים דער באלעבאָס געשיקט כאפּנ פיש, פארשיטנ די נעצנ מיט די טשאסטינשטשיקעס.

באגרי איז געווענ א כיטרער. ער האָט קיינמאָל ניט געהאלטנ קיינ שטענדיקע דערוואַקסענע באטראקעס, ווײַל ער האָט מוירע געהאט פאר גרויסע שטײַערנ. האָט ער געכאפּט

מיט טשאסטינשטשיקעס. דאָס זײַנען מענטשנ, וואָס שטעלנ זיכ אפ ארבעט נאָר אינ דער צײַט פונ פישפאנג פאר א גע־וויסנ טײל פונ פאנג. בא באגריַענ זײַנען געווענ געדונגענע טשאסטינשטשיקעס — די אָרעמסטע פישכאפערס פונ ארומיקנ געגנט. פארשטײט־זיכ, זײער פארדינסט איז געווענ זײער א ביטערער, ווײַל זײ האָט זיכ אָנגענומענ צווײ כאלאָקים, אונ דער באלעבאָס האָט גענומענ גאנצע אכט, זײ האָבנ אָבער גאָרניט געקאָנט מאכנ. די נויט האָט זײ געצווונגענ זיכ אײַנ־שפאנענ אינ אזא יאָכ.

די טשאסטינשטשיקעס האָבנ טימאָשנ ניט געוואָלט נעמענ מיט זיכ אונ האָבנ זיכ געשפארט מיט באגריַענ.

— ווּוּהינ שיקט איר דעם יאָט? ער איז באָרוועס, ס׳איז שוינ הארבסט, קאלט. וואָס פאר א נוצנ וועט ער דאָרט ברענ־גענ? זעצט זיכ אלײנ.

דער באלעבאָס האָט דערופ ניט געלײגט קײנ אכט.

— וואָס פאר א קלײנער איז ער! שוינ א היפשער באָכער. ריכטיק, טימאָש? אונ ס׳איז שוינ צײַט, ער זאָל זיכ צולערנענ אביסל.

טימאָש איז געװענ מאסקים געווענ, ווײַל ער האָט געטרוימט וועגנ פישערײַ. אָבער פארנאכט, ווענ אפנ יאם איז פריש גע־וואָרנ, אונ קאלטע כוואליעס האָבנ אים א באָרוועסנ אינגאנצנ אײַנגעוויקלט, האָט ער זיכ דערמאָנט אינ די פעלדער, אינ די פרײד פונ אים אנטרונענ.

די טשאסטינשטשיקעס האָבנ געשאָלטנ באגריַענ:

— דוכישער גוויר, איצט פאָרט ער ארויס אפנ יינגלס פלײ־צעס! — דו לײג ניט צופיל אכט אפנ גוויר, — האָבנ זײ אים געײַצעס.

אונ אז דאָס יינגל האָט מיט זײַנע פארפרוירענע הענט ניט געקאָנט נים נאָר ארויספילנ עפעס אנ ארבעט, נאָר אפילע א ריר טונ מיט זײ, האָבנ זײ זיכ נאָכ מער געבײזערט. טימאָש האָט געשוויגנ, געפילט זײַנ שולד פאר זײ. ער איז געזעסנ אינ שיפל צונויפגעקאָרטשעט אונ פארפרוירנ, אונ דער פיש־פאנג האָט אים ניט ארויסגעזען אזוי אָנגענעם.

אז זיי זײַנענ צוגעשווומענ צום ברעג נעבנ דאָרט, איז טי־
מאָש גיכ ארויסגעלאָפנ פונ שיפל אונ זיכ געלאָזט אהיים. ער
האָט זיכ פארקליבנ אינ שטוב. זיכ אײַנגעהילט אינ שמאטעס
אונ באמיט זיכ אָנווארעמענ. ביסלעכווײַז האָבנ די צײַנ אופגע־
הערט קנאקנ אונ דער קערפער ציטערנ.— דאָס ייִנגל האָט
זיכ דערווארעמט. דעמאָלט האָט ער דערפילט, אז ער איז הונ־
געריק, ווײַל פונ גאנצפרי אָנ האָט ער קיינ ברעקל אינ מויל
ניט געהאט.

ער איז דורכנ קאָרידאָר ארײַנ אינ דער גרויסער שטוב.
דאָרט האָט געברענט א לעמפל, אונ קיינער איז ניט געווענ
באגרי מיטנ ווײַב האָבנ זיכ געפאָרעט אפנ ברעג, אונ דוסיע
איז ערגעצ אוועק, ווי נאָר ער איז געקומענ. דאָס ייִנגל האָט
געוווסט, אז אינ שטוב אפ דער פאָליצע ליגט געבאקנ ברויט.
אינדערהיים, אז ער פלעג וועלנ עסנ, פלעג ער בא דער מאמע
ניט פרעגנ, אָפשנײַדנ א שטיקל ברויט אונ עסנ.

האָט ער דאָ אויכ גענומענ דאָס ברויט אונ אָפגעשניטנ זיכ
שטיקל. ער האָט ניט באוויזנ א פאָר מאָל א ביס טונ,
ווי די מומע האָרפינע איז ארײַנ אינ שטוב מיט א סעווריוגע
אינ האנט. אז זי האָט דערזענ דאָס שטיקל ברויט, וואָס דאָס
ייִנגל האָט געהאלטנ, האָט זי א וואָרפ געטאָנ דעם פיש אפנ
באנק אונ זיכ א לאָז געטאָנ צו אים.

— דו גאנוועסט גאָר דעם באלעבאָס ברויט!

זי האָט אים אָנגעכאפט פארנ אויער, פאר די האָר אונ האָט
מיט אלע קויכעס אים א טרייסל געטאָנ. טימאָש האָט זיכ צע־
וואָיעט פאר ווייטיק. כליפענדיק האָט ער זיכ פארענטפערט:

— איכ האָב פונ גאנצפרי אָנ גאָרניט געגעסנ.

ס'איז א רײַנגעלאָפנ באגרי אונ איז אפ אים אָנגעפאלנ:

— מ'דארפ נאָכ דאָרט די פיש צוקלײַבנ, אונ ער איז זיכ
אנטלאָפנ אינ שטוב ארײַנ. דו, אומזיסטיקער פרעסער!

— איכ בינ דאָכ א באָרוועסער אונ בינ שטארק פארפרוירנ
געוואָרנ,— האָט זיכ טימאָש אויכ פאר אים געפרווט פארענט־
פערנ.

— עפשער וועסטו זיכ הייסנ מאכנ א פאָר קאלאָשנ, א פאָר שטיוול מיט סקריפ — האָט באגרי פארביסנ געזאָגט.

דאָס ייִנגל האָט אָנ עפנ געטאָנ דאָס מויל, געוואָלט נאָר עפעס זאָגנ, זיכ פארענטפערנ, אָבער דער באלעבאָס איז ווי-דער בייז געוואָרנ. ער האָט אים א שטארקנ שטויס געטאָנ מיטנ פויסט אונ האָט א דונער געטאָנ:

— איכ וועל אים פארטרײַבנ דעם פרעסער! דעם גאנעפ!

טימאָש האָט זיכ מיט געוויינ א וואָרפ געטאָנ אינ הויפ ארײַנ, דערנאָכ — אינ גאס ארויס צו דער מוטער. ער איז גע-לאָפנ מיטנ געדאנק זיכ קײַנמאָל ניט אומקערנ צו די שלעכ-טע מענטשנ. אינדערהיים האָט ער מיט געוויינ זיכ א וואָרפ געטאָנ צו דער מוטער. נעשטשאדימיכע האָט ארומגענומענ דעם זונ אונ האָט אומרויִק געפרעגט:

— מע האָט דיכ געקריוודעט, זונ מײַנער?

טימאָש האָט אפ דער מוטער אופגעהויבנ די אויגנ, געוואָלט פאר איר אויסגיסנ זײַנ ווייטיק, זײַנ קריוודע. ער האָט אָבער א קוק געטאָנ אפ דער מוטערס געזיכט אונ האָט זיכ אײַנגע-האלטנ. דאָס געזיכט האָט געהאט אזא טרויעריקנ אונ פאר-זאָרגטנ אויסזענ — באגאָסנ מיט טרערנ, פונקט ווי אינ יענער מינוט, ווענ זי האָט אמאָל א פארײַעשטע אויסגעשריִענ:

— וואָס וועלנ מיר עסנ? מיט וואָס וועלנ מיר ווינטער הייצנ?

ער האָט זיכ דערמאָנט אונ אראָפגעלאָזט די אויגנ. ער האָט שטיל געענטפערט ווי ניט מיט זײַנ קאָל:

— איכ האָב נאָכ דיר געבענקט, מאמע, א גאנצע וואָכ ניט געזענ. בינ איכ געקומענ צו לויפנ זיכ זענ.

די מוטער האָט אים געגלעט די האָר, האָט אים געלאש-טשעט אונ האָט אים מילד אָנגעזאָגט:

— פאָלג די באלעבאטים, ווײַל מיר איז אָנ דיר אויכ שווער... אוי, ווי שווער!

אז דאָס ייִנגל האָט זיכ אומגעקערט צו באגריִענ, האָט ער זיכ געגעבנ דאָס וואָרט קיינמאָל ניט אנטלויפנ צו דער מו-

טער. די באַגריִעס האָבנ פּונקט געגעסנ אָוונט־ברויט, ווענ ער איז אַרײַנ אינ שטוב.

טימאָש איז צוגעגאַנגענ צומ טיש אונ האָט געזאָגט מיט אַ בּעסנדיקער שטימ:

— אַנטשולדיקט, מומע! כ׳וועל שוינ מער קיינמאָל אַלײנ ניט נעמענ קײנ ברויט!

באַגרי האָט אימ מויכל געווענ.

— דאָס ערשטע מאָל אַנטשולדיקנ מיר. מירנ ניט דורכ־טרײַבנ. נאָר קעדיי דיכ אָנלערנענ, וועסטו היינט בלײַבנ אָנ מיטעק.

טימאָש האָט אַ זיפצ געטאָנ, האָט צעוואַשנ דאָס געשיר נאָכנ עסנ, איז אַוועק אַפ זײַנ אָרט אינ הויז אַרײַנ שלאָפנ.

באלעגופישע שפּיצלעכ

דעם צווייטנ טאָג אז טימאָש כידעשט זיכ — אזא מינ ענדע־רונג איז פאָרגעקומענ אינ זײַנ לעבנ. שוינ די צווייטע נאכט, אז די מומע האָרפינע לייגט אימ שלאָפנ ניט אונטערנ פריפּע־טשיק, נאָר אפּ א באנק אונ לייגט אימ נאָכ אונטער א קישע־לע צוקאָפּנס. מע זעצט אימ צומ טיש עסנ וואַרמעס אונ חע־טשערע, אונ נאָכ מער ווונדער — באגרײַכע האָט אפּ אימ קײַנ אײנמאָל ניט אָנגעשריגנ. זי פלעג אפילע דוסיענ אָנרײַסנ פארנ אויער, אז זי האָט זיכ געריצט מיטנ ייִנגל.

טימאָש האָט ניט פארשטאנענ, וואָס באטײַט אזא ענד־רונג ענדלעכ איז ער געקומענ צו אנ אויספיר:

— סיוויַזט אויס דערפאר, וואָס איכ בינ די לעצטע טעג געוואָרנ זייער אופמערקזאמ אונ טו אלצ, מע זאָל מיכ ניט באשטראָפנ.

אונ הײַנט באמ אָנבײַסנ האָט זיכ דאָס ייִנגל נאָכ מער פארכידעשט.

באגרי האָט אָפּגעבראָכנ א שטיקל ברויט אונ האָט זיכ אָנ־גערופנ צומ ווײַב פארזאָרגט:

— מע דארפ פאריכטנ די שטיוול אונדזער טימאָשנ.

באמ ייִנגל האָט פארקלעמט דאָס הארצ אינ דערוואַרט באגרײַכע האָט א קוק געטאָנ אפנ מאנ מיט א פראגע אינ־בליק, דערנאָכ האָט זי געוואָרפנ א קאָסנ קוק אפ טימאָשנ.

— עפּשער וועט ער איבערגיינ דעם ווינטער אינ מײַנע אל־טע שיכ?

באגרי האָט א ווונק געטאָ צומ ייִנגל אונ האָט סאָליד בא־מערקט:

— אזא באָכער פאסט ניט גיינ אינ אלטע שקראבעס!... מירנ אימ מאכנ שטיוול, ווי פאר א פישער פאסט, מיט כאָליוועס איבער די קני. ריכטיק, טימאָש?

בא יענעמ האָט זיכ דאָס הארצ געוואָרפנ, ווי בא א געפאנגענעמ פיש. פאר פרייד, פארשטייט זיכ. ער האָט דאנקבאר א קוק געטאָנ אפנ פעטער אונ האָט שטיל געזאָגט:

— אויב אײַער גוטער ווילנ וועט זײַנ, וועט איר מאכנ.

באלד נאָכנ אָנבײַסנ איז באגרי ערגעצ אוועק. ער האָט זיכ גלײַכ אומגעקערט זייער פארזאָרגט. טימאָש האָט געהערט, ווי ער האָט געזאָגט באגרײַכענ:

— מע טוט אזוי, ווי איכ האָב געקלערט. מע זאמלט אופ אלע פישער, אונ מע וועט באשטימענ אפ א פארזאמלונג, צו וועלכער קאטעגאָריע מע וועט יעדנ פארשרײַבנ.

דער פעטער האָט אביסל ארומגעשפאנט איבערנ שטוב. דערנאָכ האָט ער [illegible] זיכ נעענטער צוגערופנ דאָס ײנגל. ער האָט אימ מילד געגלעט מיט דער האנט איבער דער פלייצע, ווי מע לאשטשעט אנ אייגענעמ זונ, אונ האָט געפרעגט:

— ס'לעבט זיכ דיר גוט בא אונדז, טימאָש? הא? מיר קריוודענ דיכ ניט, האָדעווענ גוט, אײַנגיכנ וועלנ מיר דיר אופנייענ א פאָר שטיוול. בא דײַנ מוטער וואָלסטו אויסגעגאנגענ פאר הונגער. איכ זאָג עמעס, באָכערל?

טימאָש האָט ניט פארשטאנענ, צוליב וואָס פארגיט מענ אימ אזעלכע קאשעס, נאָר ער האָט שטיל געענטפערט:

— עמעס!

באגרי האָט ווידער מילד פאָרגעזעצט:

— מירנ מיט דיר באלד גייענ אפ א פארזאמלונג. דאָרט וועלנ מיר צונויפזאמלענ אלע דאָרפישע פישערס... מע וועט בארעדנ פארשיידענע זאכנ אפ דער פארזאמלונג. אָבער דו הער זיכ צו דעמ ניט צו. נאָר אז איכ וועל דיכ א שטופ טונ, זאָלסטו ארויסטרעטנ פאָרויס אונ זאָגנ פאר אלעמענ הויכ, אז דער פעטער באגרי האָט דיכ צוגענומענ צו זיכ, באציט זיכ צו דיר ווי אנ אייגענער טאטע, אונ אז ס'לעבט זיכ דיר גוט בא אונדז. זע נאָר, דערשרעק זיכ ניט אונ רעד דרייסט.

ער האָט נאָכ לאנג געלערנט דאָס ײנגל, ווי מע דארפ רעדנ, אונ צומ סאָפ האָט ער אימ א פרעג געטאָנ:

— פארשטאנענ, באָכער?

טימאָש האָט א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ. ער האָט נאָר מוירע געהאט, וויאזוי וועט ער ארויסטרעטנ רעדנ פאר די דערוואקסענע פישערס. דאָכ איז אים שטארק אָנגענעם געווענ וואָס אליינ דער פעטער באגרי בעט דאָס בא אים.

באגרי האָט זיכ אויסגעדרייט צום וויַב אונ האָט הויכ ארויסגערעדט נאָכ א געדאנק זיַנעם:

— מע, מוז נאָכ איבּערעדנ מיט נעשטשאדימיכענ. זאָל זיַ אויכ קומענ אפ דער פארזאמלונג אונ דאָרט ארויסטרעטנ.

דערנאָכ איז ער אפ א וויַלע ארויס פונ שטוב. איז צוריקגעקומענ אונ געהייסנ טימאָשנ זיכ צוגרייטנ. מע האָט אים געגעבנ אָנטונ דוסיעס שיכ, כאָטש זי האָט געוויינט, מע האָט אים אָנגעטאָנ דעם פעטערס פידזשאק, וואָס האָט אים דערגרייכט ביז די קני.

אונ ווידער האָט געהודערט די פארזאמלונג פונ די פישערס אפ יענעם אָרט, וו אמאָל לעבנ וואָלאָדשענקאָס שטוב. איצטיקס מאָל אָבער האָט מענ, ווי ס׳זעט אויס, באהאנדלט מער וויכטיקערע פראגעס. וויַל ס׳איז געווענ א שטארקער הארמידער, די אָפּגעברענטע פענעמער בא די פישער זיַנענ געווענ אופגערעגטער.

אז באגרי מיט טימאָשנ זיַנענ צוגעגאנגענ צום אוילעם, האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ די פארזאמלונג. הינטער וואָלאָדשענקאָס שטוב איז געשטאנענ א טיש, בא וועלכנ ס׳זיַנענ געזעסנ וואָלאָדשענקאָ אליינ, די לערערנ אונ צוויי אומבאקאנטע מענטשנ. באגרי האָט טימאָשנ נאָכ זיכ נאָכגעשלעפּט אונ האָט זיכ ארויַנגעשטופּט צום סאמע טיש. דאָס יינגל האָט זיכ אופמערקזאם איַנגעהערט אונ האָט זיכ באמיט פארשטיינ, וואָס קומט דאָ פאָר.

מע האָט אויסגעפאָרשט די סאָציאלע לאגע פונ אלע פישערס. א הויכער שווארצער מענטש, וואָס איז געזעסנ נעבנ דער לערערנ, האָט ארייַנגעקוקט אינ א צעטל אפנ טיש אונ האָט הויכ אויסגערופנ עמעצנס פאמיליע. פונקט דאנ, ווענ זיי זיַנענ

צוגעגאנגען צום טיש, האָט דער הויכער אָנגערופן שווערדונען. עמעצער האָט גלײַך אויסגעשריִען פונעם אוילעם:

— קימאט אַן אָרעמער.

אַנדערע האָבן דערווידערט.

— וואָס פאַר אַן אָרעמאַן איז ער, אַז ער פאַרמאָגט אַן איי־גענעם באַרקאַס און אַ סטאַווקע נעצן!

— און נאָך וואָס?

— און וואָס־זשע דאַרף מען נאָך? אַ מיטעלער.

— ריכטיק, אַ מיטעלער! אַ מיטעלער!

דער הויכער האָט זיך אויפגעהויבן צו וואָלאָוטשענקען. יענער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט דער ערשטער געזאָגט דער לערערן:

— פאַרשרײַבט אים צווישן די מיטעלע.

דערנאָך האָט מען באַרעדט טשוטשמאַנענקען. די פישערס האָבן געשריִען:

— אַ באַלעגופ! ער פאַרמאָגט צוויי באַרקאַסן און פיר סטאַווקעס נעצן. אַמאָל האָט ער פאַרמאָגט אַ גרויסן באָט, האָט מען עס בײַ אים בעשאַס דער רעוואָליוציע צוגענומען.

טשוטשמאַנענקאָ, שוין אַ גראָוער, אײַנגאַנצן עפּעס אַ קאַ־לעכיקער פישער האָט זיך באַמיט פּראָטעסטירן, מע האָט אים אָבער פאַרהילכט. אַ רויטער און אַ בייזער, האָט ער אויסגע־שפּיגן און איז אַוועק.

אַז מע האָט גערעדט וועגן טשוטשמאַנענקען, האָט זיך באַגרי די גאַנצע צײַט געערגערט. ער האָט געדרייט זײַן שטעכלערישע באָרד און האָט זיך אַלץ געפּרוווט עפּעס אויסשרײַען.

מע האָט אַרומגערעדט נאָך עטלעכע פישערס. און דעמאָלט איז דערגאַנגען באַגריִעס ריי. ווי נאָר דער הויכער, דער פאָרשטייער פונעם פישער־פאַריין, האָט אויסגערעדט זײַן נאָ־מען, האָט דאָרבאַן צווישן דעם אוילעם טעמפּ אַ בורטשע געטאָן:

— אַ באַלעגופ!

באגרי האָט געמאכט א באוועגונג אין יענער זײַט און האָט ביז א בלישטשע געטאָן מיט די אויגן.

פון דער צווייטער זײַט אוילעם האָט עמעצער שפּאָטיש באמערקט:

— וואָס פאר א באלעגופ איז ער? אן אָרעמער, אן עמע־סער נעזאמאָזשניק.

באגרי איז געווען שטארק אָנגעשטרענגט און האָט צוערשט ניט פארשטאנען די שפּאָטישע באמערקונג:

— נו, יאָ, אן אָרעמער.

איבער די קעפּ פון די פישערס האָט זיך צעטראָגן א געלעכ־טער און א געשפּעט.

טימאָש, וואָס איז געשטאנען נאָענט נעבן טיש, האָט געזען ווי וואָלאָוטשענקאָ האָט זיך אָנגעבויגן צום פאָרשטייער פון פישער־פאריין און האָט אים עפּעס שטיל געזאָגט. דאָס יינגל האָט נאָר איין וואָרט גוט פאנאנדערגעקליבן — מיטעלער. דער הויכער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט עפּעס א פרעג געטאָן בײַ דער לערערן. יענע האָט געענטפערט:

— צוויי באַרקאסן, פינף סטאָוקעס נעצן און פיר טויזנט האַטשעקעס, און די מישפּאָכע באשטייט פון דרײַ מענטשן.

דער הויכער האָט עפּעס באטראכט און האָט הויך געזאָגט ווי צו זיך אליין:

— פאר א מיטעלן איז עפּעס צופיל.

דאָרבאן איז אופגעשפּרונגען, ווי א בין זאָל אים א ביס טון

— דער גוויר איז נאָך ערגער פון טשוטשמאנענקאָ. יענער כאפּט מיט זײַן מישפּאָכע, און דער דינגט זיך טשאסטינשטשי־קעס און ווערט באַרײַכערט.

ארום האָט מען געשטיגן, נאָר עמעצער האָט אויסגעשריִען

— ער איז דער רײַכסטער אין דער גאנצער געגנט.

באגרי האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך אָפּרײַסן פון א קייט. צום ערשטן האָט ער זיך אריינגעשניטן אינעם האמוין דערנאָך האָט ער זיך ווידער א וואָרף געטאָן צום טיש מיטן פרעזידיום. פון גרויס אופרעגונג האָט ער ניט געקאָנט רעדן

ער האָט זיכ נאָר געשלאָגנ מיטנ פויסט אינ ברוסט. שפּעטער אביסל האָט ער שוינ געכריפּעט:

— בירגער, איכ בינ א סאָוועצקער מאנ. כאַוועך פּאָרזיצער ווער האָט מער פיש פאר אלעמענ געגעבנ, ווענ די מאכט האָט ערשט נית לאנג געפּאָדערט? איכ. ער האָט זיכ אויסגעדרייט צומ אוילעמ אונ האָט פּאָרגעזעצט:

— איכ שטיי פאר אָרעמע מענטשנ. פאר די, וועלכע זיינענ אומבאהאָלפנ, לייד איכ, אונ איר פארשרייבט מיכ פאר א באַ־לעגופ. אינ דאָרפ איז אומגעקומענ אנ אָרעמער פישער נעש־טשאדימ, ווער האָט דער ערשטער געהויבנ א שטימ, מע זאָל קומענ צו הילפ דער אָרעמער אלמאָנע? איכ. דריי מאָל איכ. ווייל איכ האָב דער ערשטער צוגענומענ צו זיכ דעמ באָכער, דעמ יאָסעמ אונ האָדעווע אימ אומזיסט.

באגרי האָט זיכ אויסגעדרייט צומ פּאָרשטייער פונ פישער־פאריינ אונ צומ צווייטנ אומבאקאנטנ מענטשנ, וואָס דער דאָרפראט האָט אימ אויסגעשטעלט.

— כאווירימ נאטשאלניקעס. דאָס הארצ טוט מיר ווי פאר די אָרעמע מענטשנ אונ פאר דער סאָוועצקער וולאסט. איכ בינ גרייט מיינ לעצטע העמד אָפּגעבנ דעמ צווייטנ. וואָס־זשע פאר א באלעגופ בינ איכ, אז איכ זאָל שטיינ צו דער צייט? דער אוילעמ האָט געשוויגנ, פארשלאָגנ מיט זיינ מאבל ווער־טער. וואָלאָוושענקאָ האָט זיכ אופגעהויבנ.

— גוטע מענטשנ, ס'אנ עמעס, באגרי איז אנ ערלעכער מענטש, אנ עמעסער פישער.

דעמאָלט האָבנ די פישעס מיטאמאָל זיכ צערעדט. פונ אלע זייטנ האָט זיכ געשאָטנ.

— א כיטרע צורע בא דיר!

— זעסט, וווּהינ ער דרייט. ער האָט זיכ מעראכעמ געווענ אמ נעשטשאדימיכענ.

— דער שעד האָט דערשמעקט אונ האָט אלצ פּאָרויס איינ־געאָרדנט.

צומ טיש האָט זיכ דורכגעשפּארט דער אלטער גאָדונ.

ער האָט געטײַטלט מיטן שפּיץ פינגער אין פאַפּיר און האָט זיך צעשריִען:

שרײַבּט אים אַרײַן פאַר אַ בּאַלעגופ! איך קאָן דעם פּרוכט. איך האָבּ נאָך געדינט בּאַ זײַן פאַרשטאָרבּענעם טאַטן.

דאָרבּאַן האָט זיך אויך דערנעענטערט און האָט אַ מאַך געטאָן מיט די הענט פאַר וואָלאָוטשענקען.

— דו פאַרדעק ניט. אויבּ דו שיקערסט און כאָוועסט זיך מיט בּאַגריִען, טאָ שווײַג. מיר וועלן זײַבּ נאָך צו דיר אויך דערקלײַבּן.

וואָלאָוטשענקאָ איז אופגעזאָטן געוואָרן און האָט פון זײַן זײַט זיך צעשריִען אַפן פישער. פון אַלע זײַטן האָבּן זיך מענטשן געשפּאַרט און האָבּן געשריִען. קײן אײן שטים איז ניט געווען אַפ פאַרטײדיקן בּאַגריִען — אַלע קעגן. דער בּאַלעגופ איז אַזש גרין געוואָרן פאַר אָנגעשטרענגטקײַט. ער האָט געשריִען, זיך געדרײט אַפ אַלע זײַטן. דער פאָרשטײער פון פישער־פאַרײן האָט זיך אופגעהויבּן און האָט אָנגעהויבּן בּאַרויִקן די פאַרזאַמלונג. אַז דער האַרמידער איז ענדלעך אײַנגעשטילט געוואָרן, האָט ער הויך געזאָגט:

— גענוג, כאָווײרים, ס׳איז אַזוי אויך קלאָר, צו וועלכער קאַטעגאָריע פאַרעכענען דעם בּירגער בּאַגריִען.

— צו די בּאַלעגופים? — האָט זיך דאָרבּאַן ניט אײַנגעהאַלטן און אים איבּערגעשלאָגן.

— פאַרשטײט זיך, — האָט דער פאָרשטײער געענטפערט.

טימאָש האָט געהערט דער מוטערס שטים, ווי זי האָט געריסן דאָרבּאַנען פאַר דער פאָלע און אים געמוסערט.

— וואָס בּיסטו אָנגעפאַלן אַפ אַ מענטשן?

— דו שווײַג! האָט זיך יענער מיט פאַדראָס אָפּגעשלאָגן פון איר.

בּאַגרי האָט דערזען, אַז ער בּאַקומט זײַן מאַפּאָלע, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פאַרן לעצטן. ער האָט אַ ציִ געטאָן טימאָשן פאַרן האַנט און האָט אים אַ שעפּטשע געטאָן:

— רעד, נאָר דרײסטער.

דאָס ייִנגל האָט די גאַנצע צײַט אינזינען געהאַט, אַז ס׳וועט אים אויסקומען רעדן, האָט ער זיך דערמאָנט אין אַלע ווערטער, וואָס באַגרי האָט אים אײַנדערהײם געזאָגט, אָבער דער לעצטער אויפֿבּרויז פֿונעם אוילעם האָט אים צעטומלט. ער האָט ניט דרייסט א קוק געטאָן אַפֿן באַלעבאָס און האָט זיך צעפּינטלט מיט די אויגן. דעמאָלט האָט באַגרי ווי אומגערן און־טערגעהויבן טימאָשן, און דאָס ייִנגל איז געבליבן שטיין אַפֿ דער דײזשע. אײַנצײַטיק האָט באַגרי אים צוגעווונקען, ער זאָל רעדן.

— פּעטערס... איר קריוודעט ניט דעם פּעטער באַגרי,— האָט טימאָש שטיל ניט דרייסט אָנגעהויבן.

קיינער האָט אַפֿ אים ניט געלייגט קיין אכט.

— העכער,— האָט באַגרי געסיפּעט.

צום אַלעם ערשטן האָבן זיך צו זיי אויסגעדרייט די געענטערע פֿישערס, דערנאָך האָט זיך דער גאַנצער אוילעם צו זיי אויסגעדרייט.

— מיר לעבּט זיך גוט באַם פּעטער באַגרי, און זיי באַציִען זיך צו מיר גוט. קריוודען ניט...— האָט דאָס ייִנגל פֿאַרגעזעצט און האָט געקוקט אַראָפּ. ער האָט א קוק געטאָן אַפֿ די צענד־ליקער קעפּ, האָט זיך דערשראָקן און איז אַנשוויגן געוואָרן. באַגרי אַליין האָט פֿאַר אים פֿאַרגעזעצט:

— דער עמעס אַליין רעדט מיט די ליפּן פֿונעם ייִנגל. בירגער, איך שטיי דאָך פֿאַר אָרעמע מענטשן!

מע האָט אים אָבער ניט געהערט, ס׳האָבן זיך ווידער געשאָטן שפּאָט און בייזע אויסגעשרייען:

— ער איז דען ניט קיין כיטרער, ער האָט אַפּילע דאָס ייִנגל געבראַכט.

— גענוג אים הערן, ער איז א באַלעגופֿ!

איינער פֿון באַגריס טשאַסטינשטשיקעס האָט ערגעץ הינטן א געשריי געטאָן:

— מיר ווייסן זײַן גוטסקײַט. ער האָט אים א בּאָרוועסן גע־

שיקט אפּנ יאַמ אינ אַזאַ קעלט. דאָס ייִנגל איז שיִר ניט אומגעקומענ.

טימאָש האָט ניט פאַרשטאַנענ דעמ אינהאַלט פֿונ די אויסגעשרײַענ, נאָר ס'איז אימ עפּעס געוואָרנ אַ כאַרפּע. ער האָט זיִך גיִך אַ לאָז געטאָנ צווישנ אוילעמ אונ פֿונ דאָרט אַהיימ.

די פֿאַרזאַמלונג האָט נאָכ געדויערט. מע האָט שוינ פֿאַרגעסנ באַגריִענ, ווײַל ס'זײַנענ אָנגעשוווּמענ אַנדערע וויכטיקע איניאָנימ. מע האָט באַרעדט אַנדערע פֿישערס. אונ דער באַלעגופֿ האָט זיִך מיטאַמאָל אײַנגעהויקערט. ער האָט געוואָרפֿנ אַ ראַכמאָנעס־בליק אַרומ, האָט געזוכט מיטלײַד צו זיִך אונ האָט ניט געקענט געפֿינענ.

אַז מע האָט פֿאַרענדיקט דעמ גאַנצנ צעטל, האָט זיִך דער פֿאָרשטייער געווענדעט מיט אַ רעדע צומ אוילעמ:

— צוליִב וואָס האָבנ מיר דאָס אַלצ געטאָנ? — האָט ער געזאָגט. — ביז הײַנט זײַנענ אַלע מיטגלידער פֿונ אײַער געזעלשאַפֿט געווענ גלײַכבאַרעכטיקט, האָבנ זיִך גענוצט מיט אַלצײַנע רעכט. אי דער, ווער ס'האָט עטלעכע באַרקאַסנ מיט סטאַווקעס נעצנ, אי דער, וואָס איז בײַ אימ פֿאַרדונגענ. אונ דאָס טאָר ניט זײַנ, ווײַל מע ווייסט, צומ בײַשפּיל, ברענגענ סכוירע אינ דער געזעלשאַפֿט, ווער קאָנ קויפֿנ — דער נאָגיד, ווײַל דער אָרעמאַנ האָט ניט וואָס צו עסנ, ניט נאָר קלערנ וועגנ קויפֿנ סכוירע. דאָס איז ניט גוט. די ראַטנמאַכט זאָרגט פֿאַר דעמ, אַז מע זאָל אויפֿהאַלטנ אָרעמע אונ מיטעלע. מע דאַרפֿ אַזוי מאַכנ, אַז די גאַנצע סכוירע זאָל אַרײַנקומענ אינ די הענט פֿונ די אָרעמע. אונ די באַלעגופֿימ וועלנ זיִך אַלייִנ געפֿינענ. ווי מאַכט מענ דאָס? די אָרעמשאַפֿט האָט דאָכ ניִנ קיינ געלט? דאַרפֿ מענ איר לײַענ. אונ קעדיי ס'זאָל זײַנ ריִכטיק, די פֿאַרוואַלטונג פֿונ דער געזעלשאַפֿט זאָל וויסנ, ווו איז דער אָרעמער אונ מיטעלער, אונ ווו איז דער באַלעגופֿ, אונ קעדיי דער באַלעגופֿ זאָל ניט כיטרעווענ אונ זאָל ניט באַקומענ קיינ סכוירע, האָבנ מיר צונויפֿגעשטעלט מיט אײַכ אויסגעאַרשט די סאָציִאַלע לאַגע פֿונ יעדנ פֿישער באַזונדער.

דער פאָרשטייער האָט נאָך לאַנג גערעדט. ער האָט זיי דערמאָנט, אַז ס׳איז צײַט צו זוכן אַן אַנדער וועג, קעדיי צו באַקעמפן די נויט. אַז דער וועג דערצו — דאָס זײַנען פּישערישע אַרטעלן.

די פאַרזאַמלונג האָט צערודערט געהודעט...

אינדערהיים האָט באַגרי צעלאָזט זײַנע געפילן. ער האָט זיך געבייזערט, האָט געשריִען אויפן הויזגעזינד, אויף טימאָשן:

— וואָן פון מײַן הויף, דו באָרוועסער, אומגליקלעכער! דײַן פוס זאָל דאָ ניט זײַן!

דאָס ייִנגל האָט דערשראָקן געקוקט אויפן פעטער און האָט געזוכט זײַנע שמאַטעס. איצטיקס מאָל האָט זיך באַגריִיכע פאַר אים אײַנגעשטעלט:

— דו ביסט מעשוגע געוואָרן? אין דער באַלעבאַטישקײַט קומט ער אַלעמאָל צונוץ. אַוועלכע ס׳ניט איז הילף גיט ער דאָך. זאָל ער לעבן אויף קעסט.

ס׳איז געקומען צו לויפן אויך נעשטשאַדימיכע. זי איז געווען אומבאַוווסטזיניק, דערפאַר האָט זי גערעדט אויף לײַטן, און זי האָט געבעטן האַלטן דאָס ייִנגל.

טימאָש איז געבליבן בײַ די באַגריִעס, אָבער די מומע האָרפּינע האָט אים מער ניט אונטערגעלייגט קיין קישן צוקאָפּנס, האָט אים מער ניט געזעצט צום טיש און האָט אים געהאָדעוועט מיט שיראַיִם.

ווינטן הארבסטיקע, ווינטן פרילינגדיקע

א שפּעטיקער הארבסט איז אָנגעקומען קיין טשערעקוטקע פון צאָפן, פון דער יאַבאָשע. לאַנגע נעכט איז ער ארומגעגאַנגען איבערן ברעג, און ביז פרימאָרגן האָט ער איבער די בערג, איבערן זאמד געזייט א זילבער־בלישטשענדיקן פראָסט. דער יאם האָט געברומט, אין זײַן צאָרן זיך דורכגערעדט מיטן קאלטן טרימונטאַן *) און האָט אָפּגעשלאָגן די אָסוהע **) אַף די ברעגשטיינדלעך. די פישערס האָבן די באַרקאַסן ארויסגעצויגן פון וואסער, האָבן אראָפּגענומען די זעגל־ביימער, די זעגלען און האָבן זיי איבערגעקערט אַפן זאמד. דאָס איז שוין ביז פרילינג.

ס'האָבן געבלאָזן קאלטע, הארבסטיקע ווינטן...

אין אָ דער צײַט כאַפּט ווי א דרימל ארום די וווינונגען פון די פישערס. איינזאַם, שטיל באַם ברעג, וווּ די באַרקאַסן פלעגן זיך אָפּשטעלן, שטיל אויך אַף די גאַסן. סײַדן עפּשער א פאַרזאָרגטער פישער גייט ארויס אַפן ברעג און קוקט מיט בענקעניש אַפן יאם, וואָס טרײַבט צום ברעג די אָסוהע. ס'איז אים אומעטיק, ווײַל דער זומערדיקער פאַנג האָט זיך ניט אײַנגעגעבן, און אָט איז שוין אָנגעקומען דער ווינטער.

אזוי קומט פאַר אלע יאָר, אָבער ניט הײַנטיקן הארבסט. איצטער באַוועגט זיך טשערעקוטקע, הודעט ווי א יאם. האָלאָווענקע טאָדאָס האָט זי געבראַכט אין באַוועגונג. ער איז געקומען קיין טשערעקוטקע אין אורלויב צוזאמען מיט די הארבסטיקע ווינטן און האָט געבראַכט מיט זיך א נײַ וואָרט, וואָס האָט אופגערודערט די פישער'ס ווי דער פרילינג־ווינט די קריהעס אַפן יאם.

*) טרימונטאַן — א צאָפנדיקער ווינט.

**) אָסוהע — קריהע, וואָס די כוואַליעס שלאָגן אָן אין ברעג.

טימאָש האָט נאָכ דעמ ערשטנ טאָג דערזענ טאָדאָסנ איב גאס. דאָס ייִנגל האָט קרומ דערקענט־דעמ רויטנ מאטראָס. א הויכער שטאלטנער אינ א שווארצער נײַער מאטראָסקע. אפנ קאָפּ האָט ער געטראָגנ א היטל מיט סטענגעס אָנ־א דאשעק.

— אז כ׳וועל אויסוואקסנ, וועל איכ ווערנ א מאטראָס,— האָט דאָס ייִנגל באשטימט אונ האָט פוסטריט נאָכגעקוקט טאָדאָסנ.

האָלאָווענקע איז געקומענ אונ האָט גלײַכ ווי מיט שפאס געזאָגט צו אײנעמ אונ צומ צווײטנ פישער:

— נו, כאווערל, גענוג שלאָפנ, גענוג זיכ קראצנ לעבנ ווײַב, מע דארפ זיכ נעמענ פאר דער ארבעט.

— וואָס איז דאָרט פאר ארבעט,— האָט דער פישער א מאכ געטאָנ מיט דער האנט.— דו זעסט, דער יאמ באדעקט זיכ מיט אָסוהע. איצט קאָנסטו שלאָפנ, ביז דער אײַז וועט צעגײנ, אונ דערנאָכ וועסטו כאפנ א פישל אפ זיכ דורכלעבנ.

— איכ רעד ניט דערפונ, שוינ צײַט אונדזערע פישערס זאָלנ זיכ קאָלעקטיוויזירנ.

— די זאכ פאסט ניט פאר די פישערס, נאָר פאר די רעטשקע־זײער.

— אָט־אָט, ברודערל,— האָט זיכ דאָרבאנ אָנגעכאפט אינ טאָדאָסנ בא דער ערשטער באגעגעניש,— הײב נאָר אָנ גארנירנ די זאכ. איכ בינ געוועזנ אינ אײנ אָרט הינטער בערדיאנסק, כ׳האָב זיכ דאָרט צוגעקוקט צו דעמ פישערישנ קאָלעקטיוו. די אָרעמע דארפנ זיכ מיט בײדע הענט אָנכאפנ אינ דעמ. אינ דער מאסע ליגט די גאנצע קראפט. מיט דער גאנצער מאסע קענ מענ דערגרײכנ א שענער לעבנ.

טאָדאָס האָט זיכ דערפרײט, וואָס ער האָט אָנגעטראָפנ כאָטש אפ אײנעמ, וואָס האלט מיט אימ.

— די ראטנמאכט האָט געוואָרפנ א לאָזונג אזא. די פויערימ האָבנ זיכ שוינ א ריר געטאָנ אונ גײענ אינ די קאָלעקטיוונ, אונ נאָר די פישערס קראצנ זיכ. גענוג כאפנ פיש לויטנ זײדנס שטײגער. מ׳דארפ זוכנ אנ אנדער אויסוועג, פאָטער צו ווערנ

פונ דער נויט. מע דארפ זיכ קאָלעקטיוויזירנ, — האָט דער רויטער מאטראָס געזאָגט.

ניט ווילנדיק זײַנענ די ווערטער ארײַנגעפאלנ אינ די מויכעס פונ די אָרעמסטע טשערעקוסקיוער, אונ אייניקע פונ זיי האָבנ אפילע אומגלויביק, אָבער שוינ מיט וואקלעניש אינ די געדאנקענ געצויגנ:

— ווער ווייסט, עפשער זאָגסטו טאקע עמעס?...

אָבער די מערהײַט איז געווענ קעגנ.

— אפ מײַנ בארקאס בינ איכ מיר באלעבאָס. וויפל איכ האָב מיר געכאפט, אזויפיל איז מײַנס, אונ אינ הורט... קיינ קאָלעקטיוו איז ניט פאר אונדז, — האָבנ געזאָגט די פארמעגלעכערע פישערס, די מיטעלע.

די באלעגופים האָבנ געשפעט אונ האָבנ געייצעט:

— צו וואָס דארפ מענ די פישערס צונויפטרײַבנ צוזאמענ. בעסער טרײַבט צונויפ די פיש.

דאָרבאנ מיט טאָדאָסנ האָבנ באַשטימט צונויפרופנ די אָרעמסטע פישערס, איבערעדנ ניט מיט יעדנ איינציקנ באזונדער, נאָר מיט אלעמענ מיטאמאָל.

זיי האָבנ גערופנ נאָר די אָרעמע. אָבער אויכ די פארמעגלעכע האָבנ זיכ ארײַנגערוקט צו דאָרבאנענ אינ שטוב ארײַנ, אונ גאָר גיכ האָט זיכ צוזאמענגעקליבנ דאָס גאנצע דערפל. מ׳האָט געמיינט, ס׳וועלנ זיכ העכסטנ צונויפגיינ צוויי צענדליק אונ ס׳וועט פאר זיי זײַנ גראָם אינ שטוב. צום סאָפ איז אויסגעקומענ רעדנ אינ הויפ.

נאָכ באזונדערע קורצע שמועסנ, אז ס׳האָט זיכ צונויפגעקליבנ א פולער הויפ מיט מענטשנ, האָט טאָדאָס היים דערוויזנ:

— וויאזוי כאפנ מיר? מיט קליינע בארקאסנ, מיט א נעצ, פונקט ווי אונדזערע זיידעס האָבנ צוריק מיט הונדערט יאָר געכאפט. פארוואָס האָט אמאָל אפ דער יאבאָשע געריפעט א הילצערנער אקער, אונ איצט טראכקעט א טראקטער? דאָרט איז מענ אוועק פאָרויס, זיכ גענומענ פאר דער מאשינ, אונ מיר קענענ דיי ניט מאשיניזירנ די פישערײַ? מע קאָנ. דער פישער

זעט פאַר זיכ ניט דעם אומגליק, די נויט יאָגט אים, ער וויל
וואָס מער פיש כאַפּנ און פאָרט וואָס ווײַטער אינ יאַם. אונ די
שוואַכע בּאַרקאַסלעכ אונדזערע זײַנעג פּאַסטקעס פאַר אונדז.
ווי א פּאַסטקע וועט אזא שיפל אונטערפירנ, אונ דו. וועסט
גאָרניט בּאַמערקנ. וויפל ניט־פאָרזיכטיקע פישערס האָט שוינ
דער יאַם בּאַהאַלטנ?... אָדער ס'בּלאָזט א בּייזער ווינט, סאַמע
ווענ די נעצנ אונ האַטשעקעס זײַנענ פאַרשאָטנ אינ יאַם. גאַנצע
וואָכנ הוידעט דאָס געפּעס זיכ אינ וואַסער ניט ארויסגענומע־
נערהייט, ווײַל מיט קיינ זעגל וועסטו קעגנ ווינט ניט פאָרנ. גאָר
אנ אַנדער זאַכ וואָלט געווענ, ס'זאָל זײַנ א מאָטאָר... איצטער
נעמט אזא זאַכ: וואָסערע פישערס זײַנענ בּא אונדז די מערהײַט?
אָרעמע. דער פאַרמאָגט א נעץ, יענער א שיפל. שפּאַנט מענ
זיכ צונויפ אפ איינ סטאַווקע, אינ דער צײַט, ווענ אָט די־זעלבּע
פישערס וואָלטנ געקאָנט פאַרשיטנ אונ ארויסנעמענ א גאַנצנ
צענדליק סטאַווקעס. פאַרוואָס־זשע זאָלט איר ניט צוזאַמענ צו־
נויפקלײַבּנ די סטאַווקעס פונ א צוואַנציק צי דרײַסיק פישערס?
דאַנ וואָלטנ ניט אַלע בּאַדאַרפט ארויספאָרנ אפנ יאַם, נאָר א
פינפ, צענ, אונ די איבּעריקע וואָלטנ אויסגעפילט אַנדערע אַר־
בּעטנ. דאָס איז איינ זײַט פונ דער זאַכ. איצט, ווי איכ האָבּ גע־
זאָגט וועגנ דער מאַשיניזאַציע. איינ פישער וועט קיינ מאָטאָר
ניט קויפנ, אונ א גאַנצער קאָלעקטיוו האָט בּעיאַד קויפנ עפּ־
שער א בּאָט אָדער אפילע א גרויסע דאַמפשיפ. כוץ דעם וועט
די מאַכט גיכער העלפנ דעם קאָלעקטיוו מיט מאַטעריאַלנ אונ
מיט געלט, ווײַל ס'איז בּעסער האָבּנ אַנ איניענ מיט איינ קאָ־
לעקטיוו, איידער מיט צענדליקער פישערס. אזויאַרום, וויאַזוי
מע זאָל ניט דרייענ, בּאַקומט זיכ, אז א קאָלעקטיוו איז בּעסער.

די פישערס האָבּנ געהערט אויפמערקזאַם, ניט איבּערגע־
שלאָגנ. זעלטנ האָט ערגעצ איבּער די קעפ זיכ דורכגעטראָגנ א
שפּאָטיש געלעכטערל, ס'האָט עס קיינער ניט אונטערגעהאַלטנ,
אונ זיכ איבּערגעריסנ. אונ אז טאָדאָס האָט געענדיקט, האָט זיכ
פונ איינ זײַט אָנגעהויבּנ א וואַקלעניש, אונ פונ דער צווייטער—
א סינע אונ א שפּאָט. נאָר עטלעכע אָפּגעבּרענטע פּענעמער

האָבן אויסגעדריקט אַנטשלאָסנקײַט, און ס'האָבן זיך דערהערט סאַרזיכטיקע שטימען:

— יאָ, אין קאָלעקטיוו איז בעסער.

באַגרי האָט דערוף שפּאָטיש אויסגערופן:

— טיפּשים זײַנט איר! אײַער קאָלעקטיוו וועט צעפאַלן ווערן אַפן צווייטן טאָג. האָלאָוטשענקאָ אַליין זאָגט דאָך, אַז מיר וועלן אַרבעטן אין פינפען, און אָפּרוען זיך וועלן צוואַנציק זײַ־ערע. וועלכער שויטע וועט דאָס וועלן אַרבעטן פאַר צווייטן?

דער אויסגעשריי איז געוואָרן אַ סיגנאַל. פון אַלע זײַטן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן שפּאָטישע רייד. אָבער די רייד האָבן נאָך מער איבערצײַגט די, וועלכע האָבן זיך געוואַקלט. די קריגערײַ איז פאַרשאַרפט געוואָרן. טשוטשמאַנענקאָ האָט געשריגן:

— איצטער לויכטן זיך נאָך די לעכלעך, און אין קאָלעקטיוו וועט איר אײַנגאַנצן גיין אָן הויזן. וועלכער שויטע וועט אײַך געבן גרויסע שיפן און מאָטאָרן? מע דאַרף פאַרדינען מיט די אייגענע הענט.

מאָקרי האָט אים געענטפערט:

— דיר איז גרינג אַזוי טראַכטן, אַז דו האָסט צוויי באַרקאַסן מיט פיר סטאַווקעס. אָבער אונדז וויאַזוי?

דאָרבאַן האָט זיך געשניטן מיט באַגריען, אַ צווייטער מיט באָרולן.

טאָדאָס האָט ווידער גענומען אַ וואָרט און האָט אָנגעהויבן רעדן. ער האָט קימאַט איבערגעכאַזערט דאָסזעלבע, וואָס ער האָט געזאָגט צום ערשטן. נאָר צום סאָף, אַז ער האָט באַגעגנט צווישן די מענטשן באַגריס בליק פול מיט האַס, האָט ער צוגע־געבן:

— און דעריקער, כאַווײרים, איר זאָלט צו אַלץ דערגרייכן מיט אײַגענעם סייכל, ניט פאָלגן די באַלעגופים. זאָל יעדער איינער אײַנדערהיים זיך פאַרקלערן אָפּ מײַנע ווערטער, צי זאָג איך ריכטיק. קיינער שלעפּט ניט קיינעם מיט גוואַלד אין קאָ־לעקטיוו, מע טרעט אַהין אַרײַן פרײַוויליק. איידער זיך שפּאַרן דאָ, באַקלערט זיך בעסער. און הערט זיך ניט צו

צו דער שטימ פונ באַלעגופּ, ווײַל דער באַלעגופּ איז דער גרעסטער סוינע דעמ קאָלעקטיוו, ווײַל ער דראָט זײַנ הערשאַפט, אָט אַזוי, כּאַווייַכים.

דער רויטער מאַטראָס האָט עס געזאָגט, אונ איבער אים האָבנ זיכ געפלאָכטנ בּליקנ: מיטפילנדיקע, פאַרינטערעסירטע, גלײַכגילטיקע, שפּאָטישע אונ פײַנטלעכע. די פײַנטלעכע: באַגריִעס, טשוטשמאַנענקאָס מיט זייערע נאָכפאָלגערס.

טימאָש איז אויכ געווענ נעבנ דאָרבאַנס שטוב.

ווענ באַגרי האָט דערהערט, אַז די פישערס קלײַבנ זיכ צונויפ בּאַ דאָרבאַנענ, אונ ער האָט זיכ אויכ געלאָזט אַהינ, איז צו אימ פונ דער יאַבאָשע געקומענ אַ באַקאַנטער דײַטש. באַגריִכע האָט דאָס ייִנגל אַוועקגעשיקט נאָכנ מאַנ. יענער האָט אַוועקגעטאָפּטשעט אינ דער מוטערס שטיוול, האָט געפונענ באַגריִענ צווישנ די פישערס אונ האָט אימ געזאָגט וועגנ דײַטש. דער באַלעגופּ האָט נאָר אַ מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט — ניט שטער, הייסט דאָס. ס'האָט פונקט אָנגעהויבנ רעדנ טאָדאָס האָלאָווענקאָ. טימאָש האָט זיכ צוגעהערט צו זײַנע רייד, האָט אַ קוק געטאָנ אַפ באַגריִענ, צי שפּירט יענער אימ ניט נאָכ, אונ ער האָט זיכ באַהאַלטנ הינטער די פּלייצעס פונ די פישערס.

נאָכ אינ שול האָט דאָס ייִנגל געהערט וועגנ די קאָלעקטיוונ. אונ פונקט ווי דעמאָלט, האָט ער זיִ נאָכ איצט אויכ קלאָר ניט פאָרגעשטעלט זיכ. זײַנ פאָרשטעלונג האָט אַזוי געמאָלט אַ קאָלעקטיוו: אַ לאַנגע געבײַדע מיט אַ רויטנ דאַכ אונ אַ הויכנ ראַדיִאָשטאַנג אינדערהייכ, אַ ברייטער צימער מיט אַ לאַנגנ טיש, אַרומ וועלכנ ס'זיצנ מענער אונ פרויענ אונ לייענענ צײַטונגענ. אַזעלכע צווייִ געמעלנ פונ לעבנ פונ דער קאָמונע האָט ער געזענ אַפ אַ פּלאַקאַט.

מער פונ אַלצ איז טימאָשנ אינ האַרצנ אַרײַנגעפאַלנ יענצ אָרט, ווו טאָדאָס האָט גערעדט פונ די שוואַכע שיפלעכ אונ וואָס פאַר אַנ אומגליק ס'טרעפט איבער דעמ מיט די פישערס. דאָס ייִנגל האָט פאַרפליושטשעט די אויגנ, אונ די שרעקלעכע פאַרגאַנגענהײַט איז אַדורכגעגאַנגענ פאַר אימ: צוגעפאַלנ צומ

זעגלבוים, קוקט ער א טויט־בלאסער אפ א הויכער בייזער כוואליע, וואָס וועט אָט־אָט זיך א לאָז טון אפ אים און אפ דעם שיפל.

עמעס ס'א מין אומבאהאָלפן שיפל דאָס איז געווען... אפ די כוואליעס איז ארופגעשווומען דעם פּאָטערס געשטאלט.

טימאָש האָט א ציטער געטאָן, א בענקעניש האָט פארקלעמט דאָס הארץ. ער האָט אופגעעפנט די אויגן, אפ זיי האָבן זיך באוויזן טרערן. קיינער זאָל ניט באמערקן, האָט ער אוועקגע־דרייט דעם קאָפּ און האָט זיי אָפּגעווישט.

— איבער דעם שלעכטן בארקאס איז דער טאטע אומ־געקומען,—האָט ער שווער געזיפצט.

אז ער האָט ווייטער געהערט די רעדע, האָט ער געטראכט:

— אין קאָלעקטיוו וועלן זיין גרויסע שיפן, וואָס וועלן ניט מוירע האָבן פאר קיין שטורעם, וועלן די טאטעס פון אזעלכע יינגלעך ווי ער דעמאָלט ניט אומקומען.

און טימאָש איז אין געדאנק געווען פאר א קאָלעקטיוו.

די פישערס זיינען זיך צעגאנגען פון דאָרבאנען מיט נייע געדאנקען, מיט נייע טרוימען, און טשערעקוטקע האָט נאָכדעם געשטורעמט, פונקט ווי מע זאָל זיך קריגן מיטן יאם.

אינגיכן האָט מען זיך שוין ווידער צונויפגעקליבן שוין צו האָלאָווענקאָן. איצטיקס מאָל זיינען שוין פיל מער געווען די, וואָס האָבן געטיינעט:

— נימעס געוואָרן אליין קעמפן מיט דער נויט, דערלאנג א קאָלעקטיוו.

די פישערס, וואָס האָבן זיך געוואקלט, האָבן געזאָגט טאָדאָסן:

— ס'וועט פארשטייט זיך, זיין זייער גוט, אז די מעלוכע וועט געבן מאטעריאל, א גרויסע דאמפשיפ. אָבער אויב זי וועט ניט העלפן. צי וועט דעמאָלט ניט ערגער זיין? דו זאָגסט אזוי. אָבער וואָס באטייטן דיינע רייד? מע דארף זיך דורכפאָרן קיין בערדיאנסק הערן, וואָס זאָגט מען דאָרט.

— ניט נאָר קיין בערדיאנסק, קיין מאריופאָל וועלן מיר זיך דערקלייבן. און אז מירן אָרגאניזירן א קאָלעקטיוו, וועלן מיר

צו פרילינג האָבנ א גרויסע דאמפשיפ, — האָט דער רויטער מאטראָס באמערקט.

צו דעמ געדאנק זײַנען אלע צוגעשטאנענ, ווער ס׳האָט זיכ נאָר אינטערעסירט מיטנ קאָלעקטיוו. מע האָט באשטימט צונויפ־צולייגנ געלט אונ שיקנ דאָרבאַנען מיט טאָדאָסנ קיינ מאריופאָל זי זאָלנ זיכ דאָרטנ דערוויסנ וועגנ אלצ.

נאָכ יענעמ טאָג האָט דאָרבאַנ באגעגנט אפנ גאס טימאָשנ. דאָס ייִנגל איז געגאנגענ אינ שמאטעס, זײַנ הויל לײַב האָט זיכ ערטערווײַז ארויסגעזענ, אונ אינ גרויסע צעריסענע שקראַבעס. א קאלטער ווינט האָט אימ דורכגעדרונגענ, אונ טימאָש איז גיכ געלאָפנ זיכ דערווארעמענ.

— ווּהינ איז, טימאָש? — האָט אימ דאָרבאַנ אָפּגעשטעלט.

איצט איז שווער געווענ דערקענענ דעמ פישער. זײַנ שטענדיקער כמורער אויסזענ איז פארשוווּנדנ, די אויגנ קוקנ ניט אראָפּ, נאָר גלײַכ אונ אָפנ, אונ אינ זיי ברענט יונגע ענערגיע. דער פישער האָט ניט געוואַרט אפ ענטפער אונ האָט לעבעדיק פאָרגעזעצט:

— ווי לעבט זיכ עס, באָכערל?

טימאָש האָט זיכ פארלאָרנ:

— כאָטש צו וואָס פרעג איכ? מע זעט ארויס לויט די שמאַטעס. קריכסט, ווי ס׳ווײַזט אויס, ניט ארויס פונ דער ארבעט... נאָר ס׳איז גאָרניט, באָכער. מירנ אויסבויענ א קאָלעקטיוו אונ דיכ צונעמענ פונעמ גוויר.

— קליינע ייִנגעלעכ נעמט מענ דענ אָנ אינ קאָלעקטיוו?

דאָרבאַנ האָט אימ א פאַטש געטאָנ מיט דער האנט איבער דער פלייצע.

— צוזאמענ מיט דער מאמע. מירנ שאפנ א גרויסע דאמפשיפ אונ מאכנ דיכ פאר א מאטראָס.

פונ דעמאָלט אָנ האָט טימאָש ליב באקומענ דעמ קאָלעקטיוו מיטנ גאנצנ הארצנ. אינ די לאנגע נעכט האָט ער געטרוימט, ווי ער וועט שווימענ אלס מאטראָס אפנ גרויסנ דאמפער אונ

וועט פאר גאָר ניט מוירע האָבן. ער האָט געבעטן זײַן מאזל, דאָס זאָל אלץ גיכער פארווירקלעכט ווערן.

טימאָש פלעג אָפט פארגעסן אין דער ארבעט און האָט מיט גרויע ערנסטע אויגן געקוקט ערגעץ אין דער ראכוועס — געטרימט וועגן גרויסן דאמפער, וועגן א מאטראָסן־היטל מיט סטענגעס, ביז באגריַעכע פלעג אים א שטויס טון און אים אָפּוידלען. אָבער איר זידלערײַ איז ניט געווען אזוי דערעסן ווי פריער, און באַנאכט האָט די הוילע־פּאָדלאָגע ניט אזוי געמוליעט ווי פריַער.

גערודער

באַגרי, טשוטשמאַנענקאָ און די איבעריקע באַלעגופֿים האָבן נאָר געשפּעט פֿון די קאַפּצאָנישע געשפּרעכן. די קאָלעקטיוויזאַציע פֿון די פֿישערס האָבן זיי געהאַלטן פֿאַר טאָדאָסעס און אַריסטראַכטעניש.

— זאָל זיך נאָר דער קאָמסאָמאָלעץ אומקערן צו זײַן מיליטער־דינסט, וועלן אַלע מײַסעס זיך ענדיקן.

אָבער אַז האָלאָווענקאָ מיט דאָרבאַנען זײַנען אַראָפּגעפֿאָרן קיין מאַריופּאָל און האָבן פֿון דאָרט געבראַכט אַ ידיעה, אַז דער פֿישער־פֿאַרייַן און אַנדערע אַנשטאַלטן וועלן העלפֿן מיט אַלץ, אַבי די פֿישערס זאָלן זיך נאָר אָרגאַניזירן אין אַ קאָלעקטיוו האָבן זיך די באַלעגופֿים פֿאַרזאָרגט.

— צי דען איז דאָס אָפּ אַן עמעסן?

און דאָ האָט נאָך דאָרבאַן זיך אונטערגעכאַפּט: ער האָט באַגעגנט באַגריען און געזאָגט:

— ס׳טראָגן זיך ידיעס, אַז מיר וועלן אַנטבאַלעגופֿעווען די רײַכע פֿישערס, מע וועט זיי לאָזן נאָר צו איין שיפֿל און צו איין סטאַווקע, און דאָס איבעריקע וועט מען אַרײַנגעבן אין קאָלעקטיוו. פֿאַרשטייט זיך, אין די ערטער, וווּ ער וועט זיך גרינדן.

דאָרבאַן האָט אַביסל אַנדערש דערפֿון געהערט. ס׳האָט זיך אים אָבער געוואָלט אַביסל רייצן מיטן באַלעגוף.

יענעם אָוונט האָט באַגרי ניט געוואָלט עסן. ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב, האָט געדרייט די באָרד און געטראַכט:

— ס׳וועט עפּשער אָפּ אַן עמעס זײַן אַזוי?

און ס׳האָט זיך אין אים אָנגעצונדן אַ סינע צו טאָדאָסן, צו דאָרבאַנען, צום קאָלעקטיוו. ער האָט זיך באַמיט צו באַרויִקן זיך מיט אַן אַלטן געדאַנק:

— ס׳וועט עפּשער דורכגײן. אין א וואָכ ארום פאָרט האָלאָ־וועניקאָ אָפּ קײנ סעוואסטאָפּאָל, אונ אָנ אימ וועט מענ דאָ גאָרניט מאכנ.

ער האָט אָבער זיכ ניט געקענט באַרויִקנ באַ דעמ געדאנק. ספּײקעס האָבנ גענקבערט דעמ מויעכ. ער האָט בײז, פאר זיכ, געפּורטשעט:

— ווענ דאָס אלטע קערט זיכ אומ, וואָלט איכ אײַכ אלע־מענ אינ אײנ קנויל צונויפגעדרײט.

ביז איצט האָבנ זיכ נאָר קלאנגענ געטראָגנ, אָבער אינגיכנ האָט מענ זיכ גענומענ צו דער ארבעט. באַגרי איז געווענ אינ שכײנישנ דערפל אונ האָט דאָרט באַגעגנט זײַנע אמאָליקע טשאסטינשטשיקעס. מע האָט זיכ צערעדט.

— אָט וואָס יאטנ, — האָט ער זײ פאָרגעלײגט, — ס׳וועט באַלד דאָס אײַז גראָב ווערנ, קומט צו גײנ, וועלנ מיר כאפּנ אונטערנ אײַז. דערפאר, וואָס איר וועט ארבעטנ נאָר מיט די נעצנ, וועל איכ אײַכ אָפּגעבנ א דריטכײלעק.

— זוכ זיכ אנדערע נאראָנים, — האָבנ די טשאסטינשטשי־קעס געענטפערט. — אײַער דאָרבאַנ לײגט אונדז פאָר ארײַנ־טרעטנ אינ זײער קאָלעקטיוו, מיסטאמע וועלנ מיר ארײַנ־טרעטנ.

דער באַלעגופּ האָט זיכ גאָר ניט געריכט, אז דער קאָלעק־טיוו וועט אימ אויכ פונ דער זײַט שטערנ, — האָט ער זיכ נאָכ מער געקאָכט. אז ער האָט זיכ אומגעקערט אהײמ, האָט ער צו זיכ אינ געסט גערופנ טשוטשמאנענקאָנ, בילאָקאָנענ — אזא באַלעבאָס ווי ער אלײנ. ער האָט זײ גערופנ זיכ האלטנ אנ אײצע, זיכ טײלנ מיט די צאָרעס. באַ א קריסע האָט ער זײ דערצײלט, וואָס ער האָט געהערט פונ דאָרבאַנענ. אָבער די געסט האָבנ שוינ אלײנ דערפונ געוווּסט, ווײַל דאָס דערפל איז ניט קײנ גרויס — יעדיִעס טראָגנ זיכ גיכ פאנאנדער — אונ זײ זײַנענ אופגעבראכט ניט ווײניקער פונעמ באַלעבאָס. טשוטש־מאנענקאָ האָט געטרײסלט די גראָווע קאָלטענעוואטע באָרד אונ האָט געזאָגט:

— זײ פּלאַפּלען, און מיר דאַרפן זיך נעמען צו דער אַרבעט.

די געסט האָבן אָנגעשטעלט די אויגן אויפן זיידן:

— פאַרוואָס גיט מען אונדז אָפּ קאָוועד אין דאָרף? דערפאַר, ווײַל מע קומט יעדן מאָל אָן צו אונדז נאָך הילף. פון דעם דאָרף מען אָנהייבן. דעם זומער האָט זיך דער פּאַנג ניט אײַנגעגעבן, און די אַלע האָלעדראַנצעס, די איפּעשדיקע קאָלעקטיוושטשיקעס, זיצן אויפן הוילן. מע לויפט שוין אַרום איבער די הויפן נאָך אַ מעסטל מעל אָדער קאַרטאָפּל. און אויף דעם קאָאָפּעראַטיוו האָט מען זיך ניט וואָס צו פאַרלאָזן. מע האָט אין פאַרײַן נאָך מיט אַ כוידעש צוריק וואָלאָוואָטשענקאָן צוגעזאָגט געבן מעל, און מע האַלט אין איין צוזאָגן. איז אָט וועט קומען אַ קאַפּצנס אַ פּרוי לײַען, זאָלן אײַערע ווײַבער ענטפערן: „גיי דיר אין דײַן קאָלעקטיוו". מע דאַרף גאָר, אַלע באַלעבאַטים זאָלן אַזוי טון, אַפילע די, וואָס מע האָט פאַר מיטעלע פאַררעכנט.

טשוטשמאַנענקאָ האָט בײז אַ שפּײַ געטאָן:

— כאַ! מע האָט אויסגעטראַכט מיטעלע. די פּישערס האָבן אַמאָל געהאַט גאָר פײַנע באַלעבאַטים און האָלעדראַנצעס... די מיטעלע זײַנען אויך באַלעבאַטים, אונדזערע לײַט און האָבן קיין שײַכעס ניט צו די קאַפּצאָנים, — האָט ער פאָרגעזעצט. — פאַר זיי מוזן מיר זיך נעמען, זיי איבערדרייען אויף אונדזער זײַט. מע דאַרף נאָר אויסלערנען די ווײַבער, זאָלן זיי שטעכן די קאָלעקטיוושטשיקעס בײַ יעדער געלעגנהײַט און איבערהויפּט זייערע ווײַבער. און די באָבעס אונדזערע זײַנען דערויף פּעיִק, — האָט זיך דער אַלטער צעלאַכט.

טימאָש האָט אין ווינקעלע געשיילט קאַרטאָפּל און האָט אויסגעהערט דעם שמועס, ביז באַגרי האָט אים באַמערקט און האָט אים אַרויסגעטריבן פון שטוב. דעם ייִנגל האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס די אַלטע דראָען דעם קאָלעקטיוו. און ער טרוימט דאָך, ס'זאָל וואָס גיכער ווערן אַ קאָלעקטיוו, און מע זאָל אים נעמען פאַר אַ מאַטראָס אויפן גרויסן דאַמפּער.

א גאַנצן טאָג איז טימאָש אַרומגעגאַנגען פאַרטראַכט, און אָפּדערנאָכט האָט ער געפּאַקט אַ פּאַסיקע מינוט און איז אַוועקגעלאָפן צו דאָרבאַנען. ער איז אַרײַנגעלאָפן צו אים אין שטוב אַרײַן און האָט גלײַך אויסגעשריִען:

— פּעטער, באַגרי מיט טשוטשמאַנענקאָ דראָען דעם קאָלעקטיוו. אָט יענעם, וועגן וועלכן איר האָט מיר דערציילט. אויך אַליין, אויף טאָדאָסן, האָלאָווענקאָן. זיי סקריפּען אַזש מיט די ציין.

און טימאָש האָט אײַלנדיק דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געהערט בײַ באַגריִען אין שטוב. דאָרבאַן האָט אַ שמייכל געטאָן:

— די באַלעגופֿים האָבן זיך אויפֿגערודערט. ס'הייבט זיך אָן אַ קאַמף, מע האָט עס געקאָנט דערוואַרטן.

דער פֿישער האָט ענערגיש אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ.

— ס'שרעקט אונדז ניט זייער קאַמף. מירן זיך אַ שטיקל צײַט באַגיין אָן זייערע האַלוואָעס.

דאָרבאַן האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אויף טימאָשן און האָט מיט אַן ערנסטן אויסזען עפּעס אַ ווײַלע געטראַכט, דערנאָך האָט ער ווייך באַמערקט דעם ייִנגל:

— זייער גוט, וואָס דו האָסט דערהערט און געקומען צו מיר צולויפֿן. טו אַזוי אויך אויף ווײַטער, וועלן מיר וויסן, וואָס טראַכטן צו די באַלעגופֿים.

— ווי דען, זיי האָבן דאָך געזידלט דעם קאָלעקטיוו, יענעם קאָלעקטיוו, וואָס וועט האָבן גרויסע דאַמפּערס, און די טאַטעס וועלן ניט אומקומען אויף קליינע שיפֿלעך, און מיר וועט ער העלפֿן ווערן אַ מאַטראָס, — האָט דאָס ייִנגל געענטפֿערט עטוואָס הייס, נאָר מיטן גאַנצן האַרצן.

פֿאַר טאָדאָסעס אָפּפֿאָרן אין מיליטער־דינסט האָבן זיך בײַ אים צונויפֿגעקליבן אַלע, וואָס האַלטן מיט אים. דער רויטער מאַטראָס האָט געגעבן אַן אייצע פֿאַרן אָפּפֿאָרן:

— דאָס ווײַכטיקסטע איז אָפּגעטאָן. פֿאַראַן בײַ אַ צוויי צענדליק מאַן, וואָס ווילן אַרײַנטרעטן, און דער סטאַטוט איז אונטער געשריבן. פֿאַרגעסט ניט די טעג אים אָפּשיקן, פּעטער

דמיטרי, אין פּישערפּאַריין—מיט די לעצטע ווערטער האָט זיך טאָדאס געווענדעט בלויז צו דאָרבאַנען.— איצטער דאַרף מען נאָך פּאַרטיפּערן די זאַך. פֿריִער פֿאַר אַלץ באַדאַרפֿן די קאָלעקטיוויסטן אַלע צוזאַמען צונויפֿטראָגן די נעצן, די מאַטעריאַלן און די האַטשעקעס. פֿאַריכטן, וואָס מע דאַרף, פֿאַרשאַרפֿן, איר זאָלט שוין אָפּן אײַז כאַפּן ווי אַ גאַנצער קאָלעקטיוו... טוט אַזוי, ס׳זאָל ניט פֿאָרקומען קיינע מיספֿאַרשטייעניש, וואָרום ווי נאָר ס׳וועלן זיך אָנהייבן מיספֿאַרשטייענישן, וועט זיך דער קאָלעקטיוו צעקריכן. זײַט איינִיק, גוט אָרגאַניזירט, וועט איר צו פֿרילינג האָבן גענוג מאַטעריאַלן און אַ גרויסן דאַמפֿער. דער פֿאַריין וועט געבן אַלץ, אַז ער וועט זען די גוטע אָרגאַניזירטקײַט... איך וועל שרײַבן, און איר ענטפֿערט מיר, וויִאַזוי און וואָס. אַז איך וועל אַליין ניט וויסן, וואָס אײַך אייצען, וועלן זיך דאָרט געפֿינען מענטשן, וואָס וויסן אַלץ. מיט איין וואָרט, אַרבעט, פּעטערס! דאָס וויכטיקסטע, זאָג איך ווידער, איז שוין אָפּגעטאָן. אָרדנט אײַן די זאַך, וועט גיך אַ האַלב דאָרף אָנקומען אין אַרטעל.

דאָרבאַן האָט מיט ליבע באַטראַכט די שטאַלטנע פֿיגור פֿונעם רויטן מאַטראָס און האָט זיך געוווּנדערט.

— סע גלויבט זיך גאָרניט, אַז אַזוי גיך איז אַלץ געווען. איר זעט, וואָס באַטײַט, אַז סע קומט אַ מענטש מיט אַ קאָפּ! איך אַליין טראַכט דאָך שוין לאַנג וועגן אַ קאָלעקטיוו, און איך האָב ניט געוואַגט זיך ערנסט פֿאַרנעמען מיט דעם איניען. דו רעדסט איבער מיט דעם, מיט יענעם, קראַצט מען זיך— גיסטו אַ שפּײַ. איך האָב געמיינט ס׳איז שווערע זאַך. צום סאָף באַקומט זיך עס גאָר פּראָסט. איצט, טאָדאָס, האָב ניט מוירע: וויבאַלד מיר זײַנען אַרויף אויף דער סטעזשקע, וועלן מיר שוין ניט בלאָנדזשען. איצט ווייסן מיר שוין, וואָס מע דאַרף טון ווײַטער. וועט מען דאַרפֿן, וועלן מיר פֿאָרן קיין בערדיאַנסק, אין קרײַז, אָדער גאָר קיין מאַריופּאָל. מיר וועלן זיך נעמען פֿאַר וואָלאָווטשענקאָן. מיר וועלן אַ באַלעבאַטעווע טון אין קאָאָפּעראַטיוו, ער זאָל צוהילף קומען דעם קאָלעקטיוו.

ער האָט פארויכערט טאַדאָסן, אונ קעדיי ס'זאָל זײַנ איבער־צײַגנדיקער, האָט ער דרײַסט געשפּיגנ.

טאָדאָס איז אוועקגעפאָרנ.

איינמאָל איז דאָרבאנ ארײַנ צו נעשטשאדימיכענ. ער האָט זי באגריסט אונ האָט פאָרגעלייגט:

— פארשרײַב זיכ, דארקא, אינ אונדזער קאָלעקטיוו. מירנ דיכ צונעמענ מיט טימאָשנ. איכ בינ דאָכ דער פאָרזיצער דאָרט.

די אלמאָנע האָט אופגעהויבנ דעמ קאָפּ פונ דעמ שטיקל צײַג — זי האָט אויסגענייט

— ווי קומ איכ אינ קאָלעקטיוו, פאר מיר טויג שוינ גיכער די גרוב.

ערשט איצט האָט דער פישער באמערקט איר אויסערגעוויינלעכנ אויסזענ, שוינ א וואָכ, אז ער האָט ניט געזענ די אלמאָנע, אונ פאר דער צײַט האָט זי זיכ שטארק געענדערט. זי איז פארשווארצט געוואָרנ, זי רעדט מיט א שוואכער שטימ האקט אָפּ יעדעס וואָרט.

ער האָט פארדײַגעט געפרעגט:

— דו ביסט קראנק, צי וואָס?

— ניינ.

— וואָס־זשע איז דיר?

אינ דארקעס טיפ אײַנגעגראָבענע אויגנ האָט געשוועבט א וואקלעניש — זאָגנ, אָדער מע דארפ ניט. זי האָט אָפּגעקערעוועט דעמ קאָפּ אונ האָט קוימ ארויסגעשעפּטשעט:

— איכ בינ שטארק אָפּגעשוואכט.

דער פישער האָט געפינטלט מיט די וויִעס. ניט פארשטאנענ

— וואָס הייסט אָפּגעשוואכט.

— שוינ דרײַ טעג קיינ ברעקל ברויט אינ מויל ניט געהאט. כ'האָב געהאט דרײַ קארטאָפליעס, אָפּגעקאָכט מיט זאלצ אונ דאָס אלצ.

— פארוואָס־זשע האָסטו זיכ ניט געווענדעט צו די שכיינימ? פארוואָס ביסטו צו מיר ניט געקומענ? מײַנ פריסקע איז אפּי־

דע די צוויטע וואָך אינ פּראָקאָפּעווצ בא דער מוטער, אָבער איכ זיצ ניט אָנ קיינ עסנ.

— נימעס געוואָרנ שטעכנ די מענטשנ די אויגנ, אויסהערנ זייערע שטראָפנ. איכ האָב געהאַט מיט ארבעט פאַרדינט דרײַ רובל אונ האָב געקויפט טרוקענע קיזיקעס אפ באַהייצונג. אונ דאָס האָב איכ גענומענ אויסגעניי בא טשוטשמאַנענטשיכעו, איכ האָב געמיינט, איכ וועל גיכ פאַרענדיקנ אונ וועל פאַרדי־נענ אפ ברויט, ס׳האָט זיכ אָבער געמאַכט שווערע ארבעט, — האָט נעשטשאַדימיכע גענטפערט אונ האָט אָפּגעקערעוועט דעמ קאָפּ.

דאָרבאַנ איז אַרומגעלאָפנ איבער דער שטוב אונ האָט גע־שפּיגנ.

— אכ, ס׳א נאַר דו ביסט! פּונקט ווי דו זאָלסט ניט לעבנ צווישנ מענטשנ, נאָר אינ א געדיכטנ וואַלד... כאָטש וואָס רעד איכ.

ער האָט זיכ אויסגעדרייט אפ די אָבצאַסנ.

— איכ וועל מאָרגנ איבעריידנ מיט ,אונדזערע קאָלעק־טיוויסטנ, מירנ צוזאַמענ מיטהעלפנ.

דער פּישער האָט זיכ ניט געזעגנט אונ איז ארויסגעלאָפנ פונ שטוב. נעשטשאַדימיכע האָט אימ ארויסבאַגלייט מיט אנ אומעטיקנ בליק, האָט אנידערגעלייגט דעמ קאָפּ אפ די הענט, אונ איז אזוי פאַרגליווערט געוואָרנ. שפּעטער האָט ווידער א סקריפּע געטונ די הויז־טיר, אונ טימאָש איז ארײַנגעלאָפנ אינ שטוב ארײַנ.

דאָס ייִנגל האָט שוינ אויכ עטלעכע טעג ניט געזענ די מו־טער. אָט האָט ער ניט געהאַט אינ וואָס צו ארויסגיינ, די באַ־לעבאָסטע אליינ שלעפט אפ זיכ ארופ די שקראַבעס, אָט לאָזט מענ ניט. הײַנט באַמ וואַרמעס האָט ער זיכ אָפּגעבעטנ. ער האָט ניט געוואָלט זופּנ דעמ קאַלאַמוטנעמ באָרשטש, האָט ער א כאַפּ געטונ דאָס דערלאַנגטע שטיקל ברויט אונ איז אוועקגעלאָפנ. אינ גאַס האָט ער שוינ עטלעכע מאָל אָפּגעביסנ פונעמ ברויט, אונ אזוי איז ער געקומענ צולויפנ מיטנ ברויט אינ האַנט.

ער האָט ניט באַמערקט דער מוטערס שוואַכקײַט און מיד־קײַט'און האָט איר גיך גענומען דערציילן וועגן באַגריִען, וועגן דעם, ווי זיי ווערן מעשוגע, ווי נאָר זיי דערהערן דאָס וואָרט קאָלעקטיוו. ער האָט זיך פאַרכאַפּט מיט דער מײַסע און האָט אוועקגעלייגט דאָס ברויט אפן טיש לעבן דער מוטער.

נעשטשאַדימיכע האָט שוואַך פאַנאַנדערגעקליבן דעם זונס ווערטער און האָט זשעדנע געקוקט אפן ברויט. ניט ווילנדיק, האָט די האַנט פון זיך אַליין זיך אויסגעצויגן צום ברויט. פונקט ווי ביגנייווע האָט זי גענומען און אָפּגעבראָכן אַ קלענערע העלפט, האָט זיך געוואַקלט און האָט געוואָלט צוריק אוועק־לייגן, ווײַל ס'איז איר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק:

— עפשער איז דאָס ייִנגל אויך הונגעריק. מע האָדעוועט אים אַ גאַנצן טאָג מיט דעם איין שטיקעלע, און איך נעם עס אָפּ בײַ אים.

דער געפיל פון הונגער איז אָבער צען מאָל גרעסער גע־וואָרן, האָט זי צוגעטראָגן צום מויל און האָט זשעדנע אָנגע־הויבן צו עסן.

טימאָש האָט דאָס דערזען און האָט זיך פאַרהאַקט אף אַ האַלב וואָרט. ער האָט צעעפנט דאָס מויל און האָט מיט ברייט צעעפנטע אויגן געקוקט אף דער מוטער. ער האָט גלײַך דער־פילט מיט זײַן גאַנצן וועזן, אַז נעשטשאַדימיכע הונגערט. ער האָט אַ גיכן שפּאַן געטון צו איר און האָט דערשראָקן אויס־געשריִען:

— מאַמע! דו ביסט הונגעריק? דו ווילסט עסן?

נעשטשאַדימיכע האָט אופגעהויבן די אויגן אפן זון. זי האָט געוואָלט ענטפערן „ניין", נאָר אָנשטאָט דעם האָבן זיך צוויי גרויסע טרערן ווי אַרבעס געקײַקלט פון די טיפע אויגן־לעכער, האָבן זיך אַראָפּגעקײַקלט אף די פריצײַטיקע קנייטשן און זײַ־נען אַראָפּגעפאַלן: איין טרער אפן טיש, די צווייטע — אפן ייִנגלס האַנט. די טרער האָט אַ ברי געגעבן. דאָס ייִנגל האָט זיך נאָך שטאַרקער צעשריִען און איז צוגעפאַלן צו דער מוטער מיט אַ געשריי:

— פאַרוואָס־זשע האָסטו מיר ניט געזאָגט? איך וואָלט צוליב דיר אוועקגעגאַנגען און געבראַכט ברויט...

אַזוי האָט זי דערבײַ געטראַכט אין געדאַנק, ווען ער איז אַרײַן מיט אַ האַלבן ברויט.

— אָט דאָס איז דערוויַל, און מאָרגן וועלן מיר זיך אַ סטאַרע געבן.

דערנאָך איז ער אומגעלאָפן איבערן שטוב און האָט אויסגעשריען:

— אָט וואָס באַטײַט אונדזער נויט! דרײַ כאַדאָשים, אַז אַ פישער איז אומגעקומען, און די מישפּאָכע הונגערט שוין. און דאָס איז נאָר דערפאַר, וואָס מע אַרבעט אײנער. אין קאָלעקטיוו איז ניט דאָס. טרעפט זיך אַן אומגליק, פילט דאָס ניט די מישפּאָכע. דער קאָלעקטיוו העלפט אויס.

אַז דערבײַ האָט דאָס געזאָגט, האָבן זײַנע אויגן מער ווי שטענדיק געברענט פון גלויבן אין דער זאַך, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן.

טימאָש האָט זיך אומגעקוקט צו באַגרײַפן מיט שווערע געפילן. דער מוטערס אויסזען איז אים ניט אַרויס פון קאָפּ, ווי־אַזוי זי האָט זשעדנע געביסן דעם ברויט, און זײַן האַנט האָט נאָך איצט געברענט פון איר טרער. דאָס ייִנגל האָט אײנס געטראַכט:

— דער קאָלעקטיוו זאָל שוין גיכער ברענגען דעם גרויסן דאַמפער, און מע זאָל אים נעמען פאַר אַ מאַטראָס, דעמאָלט וועט זײַן מוטער קײנמאָל ניט הונגערן.

אַדאַנק די געדאַנקען און טרוימען האָט ער ניט געלייגט קיין אַכט אויף דער באַלעבאָסטע, בעת זי האָט אים געזידלט, וואָס ער האָט זיך פאַרזאַמט.

מע האָט אים גלײַך באַוועצט בײַ אַן אַרבעט — פּליקן געענדערזנע פעדערן.

דערוויַל איז בײַ באַגרײַען פאָרגעקומען נאָך אַ פאַרזאַמלונג. איצטיקס מאָל זײַנען געווען פיל געסט. אײנציקווײַז זײַנען זיך צונויפגעקומען העכער אַ צענדליק. באַגרי האָט יעדן אײנעם

פונ די אָנגעקומענע איבערגעגעבנ יענע אומרויִקע יעדיִעס, וואָס דאָס יִינגל האָט שוינ אײנמאָל געהערט.

וואָלאָוואָטשענקאָ האָט געזאָגט, אז ס'איז פאראנ א פאראָרדענונג — די מעל, וואָס ער דארפ באקומענ פארנ דאָרפ, אינ דער ערשטער ריי אָפּגעבנ די קאָלעקטיווטשיקעס. דערנאָכ איז פאראנ נאָכ אנ אָנזאָג אונדזער ברודער — די באלעבאטים אפילע פאר קײנ געלט ניט פארקויפנ קײנ נעצ־מאטעריאלנ. זיכ דערלעבט אונ אלצ אָט־די פארשאָלטענע קאָלעקטיוונ!

די געסט האָבנ נאָכ געסקריפּעט מיט די צײנ. יענעם אָוונט זײַנען זײ לאנג געזעסנ. טימאָש איז שוינ אָוועק שלאָפנ אינ שטוב אריַינ, אונ זײערע שטימענ האָבנ זיכ נאָכ אלצ געהערט. אָפּטמאָל צעפרידענע, אָפּטמאָל פארזאָרגטע, מײנסטנס פארזאָרגטע.

אָנהייב פון נײַעם לעבן

אזוי איז געווען קימאט ביז האלב ווינטער. באנאכט גיט דער פראָסט א קוועטש און באדעקט דעם יאם מיט א דינעם שיכט, און אינדערפרי, גיט א בלאָז א רײַטנדיקער ווינט און מאכט צונישט די גאנצע באנאכטיקע ארבעט. און ווידער הויבן פרײַ בײַזע ווײַסקעפּיקע כוואליעס, און אין די ניט טיפע ערטער שלאָגן זיי צונויף באם ברעג די ברעקלעך קריהע און וואל־גערן זיי אָן קופּעסווײַז. אזוי בײַטן זיי זיך—דער פראָסט מיטן שטורעמווינט.

די פישערס קוקן אף די קופּעס נאָך מיט א גרעסערער קלעמעניש: ווען וועט שוין דאָס אײַז ווערן הארט, מע זאָל זיך ווידער נעמען צום כאפּן.

אָבער אָט איז אנשטילט געוואָרן דער שטורעמווינט, וואָס האָט עטלעכע וואָכן געשניטן דעם אויער מיט זײַן פײַפּ. באַ־נאכט האָט געטון א קלאפּ א פראָסט, ביז אינדערפרי איז ער נאָך שטארקער געוואָרן, און באטאָג האט זיך דער יאַם אוועק־געלייגט אף א לאנגן אָפּרו און זיך פארדעקט מיט א גראָבער קאָלדרע אײַז. אזוי דעם צווייטן טאָג, אזוי דעם דריטן און אפן פערטן האָט פארדרייט א זאווערוכע.

די פישערס זײַנען פריילעכער געוואָרן, און אין דער ער־שטער ריי די קאָלעקטיוויסטן. זיי האָבן שוין לאנג אלע נעצן צונויפגעקליבן צוזאמען האָבן נאָר געווארט אפן געזעצטן אײַז. פינפונדרײַסיק פישערס האָט מען שוין אָנגעציילט אין קאָלעק־טיוו, און אכוץ דעם זײַנען נאָך געווען אָנהענגערס, וואָס האָבן זיך געוואקלט.

אם דעם ערשטן מאָל האָבן די קאָלעקטיוויסטן באשטימט־פארשיטן נאָר פינף סטאווקעס נעצן. ווײַל אסאך מענטשן און אסאך ארבעט דארף מען ווינטער צולייגן צו דער זאך.

ווי נאָר די זאווערוכע האָט זיך אײַנגעשטילט, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן קלײַבן אין וועג אַרײַן. אַף עטלעכע שליטלעך האָט מען אַרופֿגעלייגט די נעצן, די לאָמען, די שפּאַלטערס, די שטעקנס. קיין פֿערד האָט קיין איין קאָלעקטיוויסט ניט פֿאַרמאָגט. דערפֿאַר האָבן זיך מענטשן אײַנגעשפּאַנט אין די שליטלעך און האָבן זיך געלאָזט צום יאַם. אַף דעם ערשטן פֿאַרשיט האָבן זיי אַלס אַטאַמאַן אויסגעקליבן מאָקריען. ער האָט זיך אויסגעצייצעט מיט די אַלטע פֿישערס, האָט אויסגעקליבן אַן אָרט ניט ווײַט פֿון דעם מיס. זיי האָבן אין אײַז אָנגעהויבן אויסהאַקן קליינע פּאָלאָנקעס. דאָס אײַז איז געווען גראָב (די פֿרעסט האָבן טאַקע אַ גוטן זעץ געטון), און די אַרבעט האָט זיך ביסלעכווײַז געדרוקט. ס׳איז נאָך געווען גרינגער דערפֿאַר, וואָס די קאָלעקטיוויסטן האָבן געהאַט צוביסלעך געצײַג: לאָמיקעס און שפּאַלטערס. ענדלעך האָט זיך אַפֿן ווײַטן אײַז־צודעק אויסגעצויגן אַ לאַנגער פּאַס בלויע פּאָלאָנקעס. אַז מע האָט דורכגעהאַקט די לעצטע פּאָלאָנקע, האָבן זיי אָנגעהויבן פֿאַרשיטן די נעצן. מע האָט אַזוי געטון: צו אַ שטריק האָט מען צוגעבונדן אַ לאַנגן שטעקן. איין פֿישער האָט אים איבערגעגעבן אונטערן אײַז פֿון איין פּאָלאָנקע צו דער צווייטער, דאָרט האָט מען אים אויפֿגעכאַפּט און איבערגעגעבן דער דריטער, און אין דער מינוט האָט דער צווייטער פֿישער אויסגעגלײַכט די נעצן מיט די געוויכטלעך, וואָס אַף זיי מיט די שווימהעלצלעך, און האָט זיי פֿאַרשאָטן אין וואַסער אין דער ערשטער פּאָלאָנקע. איינגיכן איז די גאַנצע סטאַווקע נעצן געווען אין וואַסער. און ערטערווײַז האָט מען זי פֿאַרטשעפּעט מיט אַנקערלעך, אויבן אַפֿן אײַז. מע האָט פֿאַרענדיקט איין סטאַווקע, זיך גענומען פֿאַר דער צווייטער, און ביז נאַכט האָט מען פֿאַרשאָטן אַלע פֿינף.

נאָך די קאָלעקטיוויסטן האָבן זיך אַ ריר געטון די אינדיווידועלע. ווער אַליין, ווער בשותּפֿעס, ווער ס׳האָט געהאַט אַ פֿערד, האָט ער אים אײַנגעשפּאַנט און איז געפֿאָרן וואָס ווײַטער אַפֿן יאַם.

באגרי האָט געזאָגט. ער האָט געקלערט פארשיטנ אמווי־ניקסטנ דרײַ סטאווקעס. איז אָבער ניט געווענ מיט וועמענ. ער האָט זיכ געפרווווט קריגנ טשאסטינשטשיקעס, אָדער עמעצנ דינגענ פונ די שכײנישע דערפער—נאָר קײנער וויל ניט. דאָרט האָבנ זיכ די פישער אויכ אופגעהויבנ, אָנגעהויבנ קלערנ וועגנ קאָלעקטיוונ.

— א מאפּאָלע אפ זײ. ס׳איז געווענ שטיל, אונ פאר אײנ כוידעש האָט זיכ צעבּרענט די געגנט. אנ אָנהײב האָבנ גע־מאכט אונדזוערע האָלעדראנצעס. אר־או, פארשאָלטנ זאָלט איר ווערנ!—האָט דער באלעגופּ יעדער ווײַלע געשאָלטנ דעמ קאָ־לעקטיוו, דאָרבאנענ, טאָדאָסנ אונ האָלאָווענקאָס נאָמענ.

יענעמ פרימאָרגנ איז באגרי ארומגעלאָפנ איבּערנ גאנצנ דאָרפ, זיכ מיט עמעצנ אײַנגעשפּאנענ אונ האָט זיכ אומגעקערט אהײמ א בּײזער אונ זיכ געהאלטנ אינ אײנ זידלענ. ער האָט זיכ צעשריִענ אפנ ווײַב, אפ טימאָשנ:

— די מינוט זאָלט איר זיכ אויסקלײַבּנ. מירנ פאָרנ פאר־שיטנ!

האָרפּינע איז אפ איר לעבּנ ניט געווענ אפנ יאַם אונ האָט זיכ פארכידעשט:

— אונ ווער וועט בּלײַבּנ אינ שטוב?

— אָט וואקסט אונטער דאָס מײדל, וועט זי זײַנ אינ שטוב—האָט באגרי בּײז געטײטלט מיטנ פינגער אפ דוסיענ.

— איכ האָבּ נאָכ ניט געהײצט,—האָט באגריכע געפּרווווט דערווידערנ.

— וועט זײַנ ניט געהײצט. קלויבּ זיכ אויס.—האָט באגרי בּײז א בּלישטשע געטונ מיט די אויגנ.

— טימאָש האָט שווײַגנדיקערהײט זיכ אײַנגעהילט אינ די שמאטעס.

פאר א שאָ האָט מענ צונויפגעלײגט אינ שליטנ א סטאווקע נעצנ, א לאָמ, א שפּאלטער, א שטעקנ, אונ מע האָט זיכ גע־לאָזט פונ הויפ. באמ בּרעג האָט זײ אָפּגעשטעלט דאָרבאנ. דער נײַער פאָרזיצער פונ קאָלעקטיוו איז ניט געפאָרנ פארשיטנ די

נעצן, ער האָט אן איניען צום קאָאָפּעראטיוו. איצט איז ער פּונקט אהין געגאנגען.

דאָרבּאנ איז צוגעקומען נעענטער צו בּאגריען, האָט אים אָפּגעמאָסטן מיטן בּליק פון קאָפּ בּיז די פיס און האָט שטרענג געזאָגט:

— דו וואַרפ אוועק די שטיק. ווהין שלעפסטו דעם יאט? דו ווייסט דען ניט, וואָס בּאטײַט פארשיטן אונטערן אײַז? דער וואקסענע קאָנען קאם דאָס טון, און דו האָסט זיך געלאָזט מיטן ווײַבּ און מיטן ייִנגל.

— וואָס איז דײַן אייסעק?—האָט בּאגרי זיך געבּייזערט.

— מײַן אייסעק. ווער דען וועט זיך אײַנשטעלן פארן יאָסעס?—האָט יענער רויִק געענטפערט. וואָלסט אים כאָטש אָנגעטון, ווי ס׳בּאדארפ צו זײַן. אָט קוקן בּא אים די הוילע קני ארויס אפן פראָסט.

בּאגרי האָט דעם פישער אָפּגעשטויסן און האָט ווײַטער אוועקגעצויגן דעם שליטן, נאָר דאָרבּאנ האָט אים ווידער פארשטעלט דעם וועג.

— קער אום צוריק דאָס ייִנגל, זאָג איך.—דו אליין מעגסט גיין אפילע מיטן קאָפּ אין פּאָלאָנקע, נאָר אים קער אום. ווײַל מיר חעלן זיך, דאכט זיך, א נעם טון פאר דיר. געניג, וואָס אינדערהיים עקספּלואטירסטו אים, וויפל דו ווילסט. זאָל זיך נאָר דאָס ייִנגל פארקילן, וועט דײַן גאנצע ווירטשאפט ניט קלעקן אפ אויסצאָלן זיך.

בּאגרי האָט געפינעט, פון מויל זײַנען אים ארויסגעשפרונגען אומפארשטענדלעכע הייזעריקע קלאנגען. ער האָט מיט אמאָל א וואָרפ געטון דעם שליטן און האָט זיך אָנגעכאפּט פארן לאָמיק.

— וואָן פון וועג!—האָט ער געכריפּעט

דאָרבּאנ איז געשטאנען אומבּאוועגלעך, רויִק און שטרענג. נאָר אויסערלעך. אייבערלעך האָט ער, קענטיק, זיך שטארק געערגערט, ווײַל ער האָט עטלעכע מאָל פאר זיך א שפּײַ געטון.

— דו כאָכמע זיך ניט מיט די לאָמיקעס, ווײַל דאָס איז א מיִעסער אײַסעק.

א גרופּע פישערס מיט שליטלעך האָבן זיך צו זיי דערנעענ־טערט. באַגרי האָט א וואָרף געטון דעם לאָמיק און האָט א בורטשע געטון צום ווײַב.

— פארקערעווע אפּ צוריק.

ער האָט טיף אײַנגעגראָבן דעם קאָפּ אין די אקסלען און איז גיך אוועק איבערן ברעג מיט דער ריכטונג צום שכײַנישן דאָרף. דאָרבאַן האָט בײז אים נאָכגעשמייכלט און האָט גע־טראכט:

— אהא, דער באַלעגוף האָט זיך דערשראָקן!

דערנאָך האָט ער באַגלייט מיטן בליק טימאָשן און האָט געקלערט:

— מע דארף די טעג זאָגן דארקען, זי זאָל צונעמען דאָס יינגל. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער פאנג אין קאָלעקטיוו, וועלן מיר זיי ווי ס׳איז אויסהאלטן, און צו פרילינג וועט דער באָ־כער קענען נוצן ברענגען, און די אלמאָנע וועט אויך דעמאָלט קאָנען באַקומען ארבעט. מיר וועלן אומבאדינגט שאפן אן אײַנזאלצערײַ.

פארנאכט, אז די קאָלעקטיוויסטן זײַנען שוין געפאָרן פונעם פארשיטן, האָט זיך באַגרי ערשט אומגעקערט אהיים. ער האָט זיך אומגעקערט אויסער זיך. ער איז לאנג ארומגעלאָפן איבערן שטוב. אָט האָט ער אויסגעשטרעקט די הענט מיט א טפילע צו די הייליקע בילדער און האָט געזיפצט, און אָט האָט ער גע־שאָלטן מיט קלאָלעס.

דערנאָך האָט ער געשיקט דאָס ווײַב צו טשומאנענקאָן. אז דער אלטער איז געקומען, האָט דער באַלעגוף אין אָנהייב ניט געפונען קיין ווערטער, פון וואָס אָנהייבן צו רעדן—אזוי איז ער געווען אופגעבראכט. צום סאָף האָט ער ארויסגעע־בריפּעט.

— אן אומגליק, זיידע.

— וואָס פאר אן אומגליק?

— עמעסע קלוגע מענטשן האָבן דערציילט. און אפילע אין די צײַטונגען שטייט געשריבן.

באגרי האָט ארויסגעשלעפּט פון קעשענע א צעקנייטשטע צײַטונג. טשוטשמאנענקאָ האָט גאָרניט פארשטאנען, ער האָט זיך אָבער א ריס געטון צו דער צײַטונג.

— איך לייען דאָך מיַנע. כ׳האָב דאָרט, דאכט זיך, קיין שום שלעכטס ניט באגעגנט.

— אײַער צײַטונג, זיידע, איז א קרײַזישע, און דאָס איז פון הויפּטשטאָט. דאָ שרײַבט זייער סטאלין אליין.

— טאָ רעד, ווי ס׳באדארף צו זײַן. וואָס איז? — האָט זיך אופגערעגט דער זיידע. ער אליין איז געווען אן אָנ׳וורעדיקער, און די צײַטונג האָבן אים זײַנע זון געלייענט.

באגרי האָט זיך ארומגעקוקט. אז ער האָט דערזען מ׳מאָשן, האָט ער אים ארויסגעטריבן פון שטוב, און אפילע דוסיען אויך. באגרײַכע איז ניט געווען. אז זיי זײַנען געבליבן אינצווייען, האָט זיך דער באלעבאָס אָנגעבויגן צום גאסט.

— ס׳א מ׳עסע זאך. זייער א מ׳עסע. קלוגע מענטשן האָבן געזאָגט. און מיסטאמע וועט מען דערפון אין די צײַטונגען אויך אָנליאפּען, אז אפ דער יאבאָשע, און אויב דאָרט, איז מיס־טאָמע אויך בא אונדז, אין די דערפלעך, ווו מע גארניזירט אָט די פארפלוכטע קאָלעקטיוון, וועט מען בא די רײַכע פּישערס צונעמען זייער גאנצן האָב און גוטס, און זיי וועט מען פאר־שיקן קיין סיביר.

— ס׳קען ניט זײַן, — האָט דער אלטער טשוטשמאנענקאָ זיך דערשראָקן.

— ס׳און עמעס. אזוי איז אין צײַטונג געשריבן. כאָטש איך לייען שלעכט. דאָך קלײַב איך זיך פאנאנדער. הערט.

באגרי האָט צוגעטראָגן די צײַטונג נעענטער צום פענצטער און אָנגעהויבן לייענען יעדן זילב באזונדער:

„מיר גיי־ען אי־בער ליק־ווי־די־רן דעם בא־לע־גופּ אלס קלאס אין די ראַיאָנען פון דור־כוי־סי־קער קאָ־לעק־טי־ווי־זא־ציע“.

— איר זעט?
דער באַלאַבאָס פון שטוב האָט איבערגעלייענט נאָך א פּאָר שורעס און האָט צונויפגעוויקלט די צײַטונג.
— פון די ווערטער איז שוין אלץ קלאָר.
— וואָס־זשע טוט מען? ־מע וועט עס גאָר דורכמאכן דאָרטן, ווו ס׳וועלן זײַן קאָלעקטיוון?
נו, יאָ.
באגרי איז ארומגעלאָפן איבערן שטוב, דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פארן אלסן און האָט אויסגעשריִען:
— וואָס טוט מען? מע מוז צעוואלגערן אונדזער קאָלעקטיוו. אויב ער וועט ניט זײַן, וועט מען אונדז עפּשער ניט טשעפּען. די רוכישע קאפּצאָנים האָבן, ווײַזט אויס, אלץ פריִער אויסגעשמעקט און האָבן זיך א ריר געטון. ניט מיט איין קאָפּ, מיט צען דאַרף מען באטראכטן, ווי עס דורכמאכן.
ער האָט אביסל געשוויגן און דערנאָך פאָרגעזעצט:
— מע דאַרף די פישערס מיט עפּעס אופרעגן קעגן דעם קאָלעקטיוו. אָבער מיט וואָס?
— די וואָס זײַנען מיטעלע—אריבערציִען אַפּ אונדזער זײַט—האָט טשוטשמאנענקאָ צוגעגעבן.
— יאָ, זיי רעכענען זיך פאר סאָוועצקע לײַט, אָבער ווען מע זאָל זיי אופרייצן... אָבער ווי טוט מען עס?
די פישערס האָבן זיך געזעצט באַם טיש איינער קעגן צווייטן, האָבן אראָפּגעלאָזט די קעפּ אַפּ די הענט און זײַנען געזעסן פארקלערט. זיי זײַנען לאנג אזוי געזעסן. מיטאמאָל האָט באגרי נאָך מערער פארקנייטשט דעם שטערן, די האָר פון קאָפּ האָבן זיך אזש אָנגערוקט אַפּ די ברעמען, דער פישער האָט געפּאקט אן עק פון א געלונגענעם געדאנק און האָט זיך באמיט אָנכאפּן אין אים. שפּעטער האָט זיך דער שטערן אויסגעגלײַכט, און אָנשטאָט דעם האָבן זיך אָנגעהויבן באוועגן די וואָנצעס, די באָרד און ס׳האָבן זיך צעבליצט די צופרידענע אויגן. דער באַלעגופּ האָט זיך אופגעשטעלט אַפּ די פיס און האָט א זעץ געטון מיטן האנט איבערן טיש.

— נאָר אזוי.

טשוטשמאַנעַנקאָ האָט אפּ אים אופגעהויבּן די אויגן מיט א פראגע. באגרי האָט זיך דערנענטערט צום אלטן און האָט עפּעס שטיל געזאָגט. ס'האָט זיך נאָר געהערט איינצעלנע ווערטער.

— און אומבאדינגט א מיטעלע... און אז ס'וועט אָפּגיין גלאט, איז ניט נאָר אין טשערעקוטקע, נאָר אויך אין די איבּע־ריקע דערפער וועלן די קאָלעקטיוון צעפאלן ווערן. די פּי־שערס וועלן די קאָלעקטיוושטשיקעס אראָפּדרייען די קעפּ... נאָר אזוי! און מע טאָר אהער אומזיסט ניט פארפלאָנטען קיין איבּעריקע מענטשן. מע זאָל זיך ניט אויסריידן. מיר זײַנען מיט אײַך... מע דארף אלץ צוגרייטן פאָרויס.

טשוטשמאַנעַנקאָ האָט אויסגעהערט, האָט פארוואונדערט גע־דרייט די אויגן אין די לעבער.

— ס'איז ריכטיק.

— און איך וואָס זאָג? מירן זיך נעמען, זיידע?

דער באלעבאָס מיטן גאסט האָבּן זיך געדריקט די הענט.

טימאָש האָט זיך ארומגעדרייט אין הויף, און ס'איז אים פון קאָפּ ניט ארויסגעקראָכן:

— צו וואָס האָבּן זיי אים ארויסגעשיקט פון שטוב? און ניט נאָר אים, אפילו דוסיען.

דאָס יינגל האָט אָנגעשטרענגט זײַן מויעך און האָט געקלערט:

— ניט אנדערש, אז זיי ווילן עפּעס שלעכטס טון דעם קאָלעקטיוו.

מיטאמאָל האָט זיך אים פאָרגעשטעלט באגריעס הײַנטיקע באגעגעניש מיט דאָרבּאנען באם ברעג יאָם.

— עפּשער קלײַבּן זיי זיך עפּעס אָפּטון דעם פעטער דאָרבּאנען?

אן איימע האָט אָנגעכאפּט דאָס יינגל פון דעם געדאנק. ער האָט ניט אויסגעהאלטן און איז שטיל אריַין אין הויז. ער האָט גענומען א בעזעם, האָט געמאכט אן אויסזען, אז ער קלײַבּט

זיך קערן און האָט זיך דערנעענטערט צום טיר. שטימען הערט ער, אָבער פאַנאַנדערקלײַבן קען ער ניט. ער האָט נאָר געהערט, ווי באַגרי האָט אויסגעשריגן:

— אונדזער קאָלעקטיוו דאַרף מען צעוואַלגערן. — און ווײַטער, וויפל ער האָט ניט באַמיט זיך אײַנהערן, האָט ער גאָרניט געהערט. שפּעטער אַביסל האָט זיך געעפנט די טיר. ער האָט קוים באַוויזן אַרויסשפּרונגען, בײַדע פישערס האָבן אָנגערוקט די היטלען איבער די אויגן און זײַנען אַוועק אין דאָרף...

דעם צווייטן טאָג האָט אין טשערעקוטקע, צווישן די הײַזלעך, וואָס זײַנען געווען באַדעקט מיט שניי, אַרומגעשפּאַצירט אַן אינטערעסאַנטע ידיעה.

— די קאָלעקטיווטשיקעס גלויבן ניט אין דעם קריסטלעכן גאָט, זיי גלויבן נאָר אינעם טײַוול. די קליינע קינדער, וואָס זײַנען אויסער דעם קאָלעקטיוו, וועלן זיי מאַקריוו זײַן פאַר קאָרבאָנעס, און אַף זייערע, די קאָלעקטיוויסטישע וועלן זיי אַוועקשטעלן אַ שטאַמפּ. אַז אַזעלכע קינדער וועלן אויסוואַקסן, וועלן בײַ זיי אַרויסשפּראָצן הערנער אַף די שטערנס, און דאָס גאַנצע לײַב וועט באַוואַקסן ווערן מיט פעל.

זו איז געבוירן געוואָרן אַזאַ ידיעה, האָט קיינער ניט געוווּסט. מע האָט געזאָגט, אַז אַפן מאַרק, אין שטעטל האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ מענטש אין אַ אַרמייִשער היטל מיט אַ שטערן, האָט דערציילט אַלעמען און האָט באַוויזן אַ פּאַפּיר מיט אַ שטאַמפּ. קאַרפּענטשיכע די מיטעלע, וואָס האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט פירן רעכילעס, האָט פון זיך נאָך אַביסל צוגעגעבן און האָט שוין אַזוי דערציילט:

— די קאָלעקטיווטשיקעס וועלן זיך צונויפנעמען ווי אַף אַ פּאַראַד. מע וועט צעלייגן אַ פײַער, און מע וועט אָנהייבן ברענען אַ לעבעדיק קינד פון די פיסלעך. און אַז מע וועט פאַרברענען ביז אַש, וועלן זיי אין אַש אויסבאָדן זייערע קינדער, זיי זאָלן גיכער באַוואַקסן ווערן מיט אַ פעל.

— אַזוי, אַ צאָרע איז מיר! וואָס זשע וועט עס זײַן? ווײַזט אויס, דער יאָמהאַדינ. פון וועמען־זשע וועלן זיי אָנהייבן? —

האָט געקרעכצט די שכײנע מארינע, וואָס האָט געהאט א קלײנ קינד.

— זײ וועלנ ווארפנ גוירל, אפ וועמענ ס'וועט פאלנ.

די רעכילעס האָט זיכ פארשפרײט און האָט צעגאָסנ סאמ צווישנ די טשערעקוטקער ווײַבער און מענער, וואָס זײַנען אויסגעוואָקסנ און דערצויגנ געווענ אינ די אלטע פינצטערע אבערגלויבנס. עמעס, פיל פונ זײ האָבנ זיכ אויסגעלאכט דערפונ, אָבער ס'האָבנ זיכ געפונענ אזעלכע, וואָס האָבנ שטארק געגלויבט. דאָרבאנ האָט דערהערט און האָט אויסגעשפיגנ.

— שײדים זאָלנ זײ נעמענ, די באלעגופים! דאָס האָבנ זײ דאָכ אויסגעטראכט די מײַסע, קעדײ אונדז שטעלנ פלעקער אינ די רעדער... זיכ צו אזוינס דערטראכטנ! נאָר זאָלנ זײ זיכ אויסטראכטנ, מירנ זיכ טונ אונדזערס.

אָבער אינ אנדערע קאָלעקטיוונ האָט מענ זיכ ניט נאָר געוואקלט, נאָר זיכ אפילע פארלוירנ. דער קאָלעקטיוויסט סאָלאָכע איז געקומענ צו לויפנ צו דאָרבאנענ און האָט געמאָלדנ:

— מײַנ ווײַב פאָדערט, איכ זאָל ווארפנ דעם קאָלעקטיוו. שוועדוניכע האָט זי דאָרט פארשאָלטנ, צי וואָס.

דאָרבאנ האָט א קוק געטונ אפ סאָלאָכענ, און יענער האָט זיכ פארשעמט, ער האָט זיכ געדרײט אביסל אינ שטוב, און מיט דעם איז ער אוועק אהײמ.

—

אינ באָנאַקטיקער פֿינצטערניש

טימאָשנ איז געווענ דאָפּלט אײַנגענומענ. ערשטנס, האָט מענ אימ הײַנט דערלויבט נעכטיקנ אינ דער גרויסער שטובֿ אפֿנ אויוונ. שוינ א כוידעש צײַט, אז ס׳קנאַקנ גרויסע פֿרעסט, אונ ער האָט זיכ די גאַנצע צײַט געטרייסלט פֿונ קעלט. ער האָט אָפּ זיכ ארופֿגעשלעפּט אלע שמאַטעס, וואָס זײַנענ אימ נאָר געקומענ צו דער האַנט. וועסטו זיכ דענ אָבער דערוואַרעמענ אינ א קאַלטער דירע? אונ איצט יאָגט א וואַרעמקײַט פֿונ הײסנ אויוונ־גרונט אונ יאָגט אָנ א זיסנ דרימל. די אויגנ שליסנ זיכ זיס אײַנ.

צווייטנס, געדאַנקענ אונ טרוימענ. זיי זײַנענ נאָכ אָנגענע־מענער, זיסער אונ קעמפֿנ מיטנ דרימלענ. איינ טרוימ האָט דאָס ייִנגל — א גרויסנ דאַמפֿער. זײַנ פֿאָרשטעלונג מאָלט אימ צו־ציִענדיקע בילדער.

ס׳שײַנט די זונ. ווו דאַרף זי זײַנ? אהא, נאָר וואָס אופֿגע־גאַנגענ אונ רוקט זיכ ארויס פֿונ אונטער דעמ בערגל, וואָס הינטער פּראָקאָפּיווקע. פּונקט צו יענער צײַט שפּילנ זיכ לע־בעדיק די כוואַליעס אינ יאַמ. פֿונ דאָרפֿישנ האַפֿנ בליצט ארויס א גרויסער דאַמפֿער.

— ווענ ער זאָל זײַנ אזא, ווי איכ האָב געזענ אינ שטעטל אינ האַפֿנ. מיט צוויי הויכע זעגל־ביימער אונ לעמפּלעכ אפֿנ שפּיצ. דעמ ייִנגל איז ארײַנ אינ קאָפּ א נײַער פֿארלאַנג...

טימאָש שטײט אפֿנ פֿאָדערטייל פֿונ דאַמפֿער. אומבאַדינגט דאָרט, ווו ס׳שטעקט זיכ דער סאַמע שפּיצ ביל, אינ א מאַטראָסקע אָנ א דאַשעק מיט סטענגעס, אונ אינ האַנט האַלט ער א פֿאָנ אונ אַלע פֿאָכענ פֿונ ברעג מיט די הענט, מע איז אימ מעקאַנע.

ווי נאָר דער שבֿיי וועט צעגײנ, וועט דער קאָלעקטיוו באַלד קויפֿנ א דאַמפֿער — אזוי האָט געזאָגט דער פֿעטער דאָרבאַנ.

— דעמאָלט וועל איכ פארדינענ געלט, אונ די מאמע וועט מיכ ניט דארפנ אויסהאלטנ — טראכט דאָס ייִנגל ווײַטער — אָט ס׳זאָל זיכ כאָטש קיינ שלעכטס ניט טרעפנ מיטנ קאָלעקטיוו.

זייער אָפט הערט מענ אינ דעמ הויז, ווי מע באַרימט זיכ צעוואָרפנ, פאַרניכטנ דעמ קאָלעקטיוו.

אינ שטוב איז שטיל. ערגעצ דרימלט די באַלעבאָסטע אַפּ א באַנק אונ זיפּצט. אפנ טיש בליצט שוואַכ דער לאָמפּ, אונ אַז טימאָש פינטלט מיט די אויגנ, זעט ער, ווי צווישנ דער סטעליע אונ צווישנ דעמ קוימענ טאַנצנ דערשראָקענע שאָטנס, פּונקט ווי ס׳שאָקלט זיכ שפּינוועבס.

באַמ ייִנגל אינ קאָפּ מישנ זיכ שוינ צונויפּ דער דאַמפּער מיטנ פעטער דאָרבאַנ, די באַלעבאָסטע האָרפּינע מיט די שאָטנס איבערנ אויוונ, די ווײַסע זײַנענ שווער, פּונקט ווי עמעצער וואָלט אַפּ זיי אופגעהאַנגענ פונט־געוויכטלעכ. ס׳גלוסט זיכ יט א ריר טונ מיט זיי. אָט־אָט שלאָפט ער אײַנ, נאָר פּונקט אינ דער מינוט האָט די טיר א שטאַרקנ קלאַפּ געטונ אונ אינ שטוב האָבנ זיכ אָנגעהויבנ באַוועגנ מענטשנ, אָפּטרײַסלענדיק פונ זיכ דעמ שניי. פונ באַנק האָט זיכ דערהערט דער באַלע־באָסטעס בייזער קאָל:

— וווּהינ גייסטו ארומ? שוינ לאַנג צײַט אָפּעסנ וועטשערע אונ זיכ לייגנ שלאָפנ.

— דו האָסט געקענט עסנ אָנ מיר, — האָט א בורטשע געטונ באַגריס קאָל.

— ס׳איז נאָכ פרי, אומעטום לײַכט זיכ נאָכ, — האָט צוגעגעבנ ער אלטער טשוטשמאַנענקאָ.

ווערטער געוויינלעכע, די שטימענ אָבער זײַנענ געווענ ריבע, האָבנ געציטערט, ווי די צוויי פישערס זאָלנ זײַנ זייער ארפרוירנ.

דער שלאָפ איז דורכגעגאַנגענ בא טימאָשנ, אונ ער האָט כ ניט ווילנדיק אָנגעשפּיצט:

— ווו איז דוסיע? — האָט באַגרי געפרעגט.

— אַוועק אַפּ א גאַנצער נאַכט צו די בילאַנעס. לערנט זיכ

אײַנזאצנ אויסנײען, — האָט דאָס ווײַב נאָכ אלצ אומצופרידנ געענטפערט.

— גיי ברענג אונדז אהער עטלעכע אוגערקעס, — האָט דער מאנ געזאָגט. ס'האָט א קלאפּ געטונ די טיר, באגריכע איז ארויס.

— לאָמיר אויסטרונקענ צו גלעזלעכ אונ זיכ לאָזנ גיינ. די שטימ בא באגריִענ האָט נאָכ מער געציטערט.

— פּכו, טײַוול! — האָט ער זיכ געזידלט, — איכ בינ אופּגע־רעגט, די הענט טרייסלענ זיכ אזש. צי וועט זי נאָכ לאנג שלאָפנ? האָט ער מיט שרעק זייער שטיל געענדיקט.

— ביז אינדערפרי וועט זי שלאָפנ, — האָט טשוטשמאנענקאָ געענטפערט רויִקער פונעמ באלעבאָס — מירנ זיכ אײַנפאָרענ פאר א שאָ צווײ. אונ פונ דאָרטנ גלײַכ צו שוועדונען. דאָרט שפּילנ די פישערס אינ קאָרטנ. די שפּיל וועט זיכ פארציִענ ביז טאָג. מע וועט דארפנ בראָנפנ מיטנעמענ מיט זיכ.

זיי זײַנענ אנשוויגנ געוואָרנ. דער אלטער האָט ווידער גערעדט.

— סע גליקט אונדז. ס'האָט זיכ אופגעכאפּט א שטורעמ־ווינט, וועט אלע שפּורנ פארווייענ אונ דאנ...

טשוטשמאנענקאָ האָט זיכ אָפּגעשטעלט א ווײַלע אונ האָט זיכ בייז אונ שטיל צעלאכט.

— דאנ א סאָפ צומ קאָלעקטיוו.

— גאָט זאָל כאָטש העלפנ, — האָט באגרי געכריפּעט, אונ אָנ־שטאָט צעלאכנ זיכ האָט ער זיכ פארהוסט.

טימאָשעס הארצ האָט א זאָרג צונויפגעדריקט, אונ טשוטש־מאנענקאָס געלעכטער האָט אפ זײַנ לײַב פראָסטיקע נאָדלעכ צעשאָטנ, אזא אומגעווײנלעכער איז ער געוועזנ, א בייז־דראָענדיקער.

באגרייִכע האָט זיכ אומגעקערט מיט די אוגערקעס, אונ ביידע פישערס האָבנ אָנגעהויבנ ציאמקענ מיט די ליפּנ, פאר־ביסנ דעמ בראָנפנ.

וואָס א ווײַלע איז טימאָשנ געוואָרנ אלצ שרעקלעכער.

ער גאנצער קערפער האָט שוין געציטערט פון אופרעגונג. פון לע זײַטן זײַנען אים געדאנקען געשפרונגען אין קאָפּ אריַין.

— פאַרוואָס א סאָפּ צום קאָלעקטיוו? וואָס פאַר א שפורן רעט עס אָפּווישן?... און וואָס האָבן זיי אזוי מוירע?

פון אלע געדאנקען שטעכט אים דער וואָס איז אים נעענטער צום הארצן.

— צי דען וועט שוין ניט זײַן קיין דאמפער, און ער וועט ניט ווערן קיין מאטראָס, און סוועט אים ווידער אויסקומען לעבן בא באגריַען? ווי נימעס ס׳איז אים שוין! וויאזוי ער האסט דעם באלעבאָס, וואָס שעלט שטענדיק דעם קאָלעקטיוו, וואָס וויל אים צעוואלגערן.

ער האָט זיך דערמאָנט אינעם שטיקל אונטערגעהערטן שמו־עס אין הויז, און דער האס איז אויסגעוואקסן צען מאָל אזוי פיל. וואָלט ער זײַן א גרויסער און האָבן אסאך קויעך, וואָלט ער זיך אראָפּגעכאפּט פונעם אויוון און וואָלט זיי דערשטיקט אָט־די ביידע געהאסטע פישערס. אָדער ער וואָלט זיך אָנגעש־פּאַרט מיטן קאָפּ אין דער אונטערשטער וואנט און מיט די פיס אין אויוון און וואָלט אים אזוי אײַנגעוואלגערט אָפּ די וואָס זיצן אין שטוב.

דאָס יינגל האָט ניט ווילנדיק מיטן פוס געמאכט א באווע־גונג און האָט זיך אָפּגעקלאַפּט מיט דער פוס אָן אויוון. ס׳האָט זיך גליַיך דערהערט באגריס אומרויִקע שטים:

— ווער באוועגט זיך עס דאָרטן אפן אויוון?

— ס׳איז טימאָש. ער האָט זיך געבעטן אָנוואַרעמען. אין שטוב איז טאקע זייער קאלט, — האָט הארפינע גליַיכגילטיק געענטפערט.

דער טיש האָט א רודער געטון, ס׳האָבן זיך אפּ אים צעק־לונגען די פלעשער. דער פישער איז, ווײַזט אויס, אופגעשפּורנ־גען אפּ די פיס:

— וואָס?... פאַרוואָס־זשע האָסטו פריִער ניט געזאָגט? — האָט ער א געשריי געטון — מיר האָבן... מיר האָבן דאָ גערעדט, — האָט ער דערשראָקן פארענדיקט.

— פונ וואָס האָט איר גערעדט? — האָט באגרײַכע א פרעג געטונ מיט גרויס נײַגיר.

דער מאנ האָט ניט געענטפערט. ער איז שטילערהייט צוגעגאנגענ צום וועגטל, האָט אופגעעפנט די טיר אונ האָט א קוק געטאָנ אפנ אויוונ.

— טימאָש, א, טימאָש! — האָט ער שטיל א זאָג געטונ.

דאָס ייִנגל איז געלעגנ שטיל, ער האָט אָבער ניט געקאָנט אײַנשטילנ זײַנ אופרעגונג — אונ דאָס גאנצע לײַב האָט בא אים געציטערט.

— דו שלאָפסט? — האָט באגרי נאָכאמאָל א פרעג געטונ, אונ ער האָט צוגעגעבנ עטוואָס באַרויִקט, ווי מיט זיכ אלײנ זיכ איבערגעלייגט: — נו, יאָ, ער שלאָפט.

באגרײַכעס נײַגעיר האָט קײנער ניט באפרידיקט, כאָטש זי האָט וויפל מאָל געפרעגט. אז באגרי האָט זיכ אומגעקערט צום טיש, האָט אים טשוטשמאנעקאָ באַרויִקט.

— מיר האָבנ, דאכט זיכ, ניט געפירט קײנ איבעריקע רייד. הארפינע האָט זיכ אָנגעשפיצט, אָבער דער אלטער האָט מער גאָרניט געזאָגט.

טימאָשעס נערוועזע אָנגעשטרענגטקײַט איז אופגעוואקסנ ביז דער העכסטער מאדרייגע.

— זיי האָבנ אפילע פאר אימ מוירע. וואָס־זשע באטראכטנ זיי עס אזוינס?

דערווײַל האָבנ זיכ די פישערס אָנגעהויבנ קלײַבנ גייִנ. טשוטשמאנעקאָ איז שוינ ארויס אינ הויז. האָרפינע האָט פארהאלטנ דעמ מאנ אינ שטוב אונ אימ פאָרגעוואָרפנ.

— וואָס איז מיט דיר געוואָרנ? קײנ רעגע זיצטו ניט אײַנ אינ שטוב — נאָר דו שלעפסט זיכ ערגעצ ארומ.

— איכ שלעפ זיכ ניט ארומ, איכ טו א זאכ. מיר גייענ מיטנ אלטנ צו שוועדונענ.

— עפשער שפילנ אינ קאָרטנ?

— עפשער שפילנ, ניט דײַנ אייסעק! — האָט איר באגרי אָפגעהאקט אונ איז ארויס פונ שטוב, דאָס ווײַב האָט אים נאָכגעזידלט.

טימאָש האָט זיכ געשווינד ארופגעהויבנ אונ האָט זיכ אָנגעהויבנ אָנטונ, כאָטש ער האָט אלײנ ניט פארשטאנענ, צוליב וואָס ער טוט עס. ער האָט אפ גיכ ארופגעצויגנ די הויזנ, די שמאטעס, וואָס ס'איז אימ נאָר געקומענ צומ האנט. ער איז נאָכ געשווינדער ארויסגעקראָכנ פונ אויוונ. אפנ באנק איז געלעגנ באגריִכעס אנ אלט קאָפּטל, האָט ער עס אויכ אָנגעצויגנ אפ זיכ, אונ אפנ קאָפּ האָט ער אָנגעטונ דעמ באלעבאָס שליאפּע פונ קעמל־האָר. דערנאָכ האָט ער אָנגעהויבנ ארופשלעפּנ אפ די פיס דער באַלעבאָסטעס אלטע שיכ. ער האָט לאנג ניט געקאָנט אינ זײ טרעפנ מיט די פיס.

— וווּהינ איז? — האָט באגריִכע געפרעגט, צונעמענדיק די קײלימ פונ טיש.

— אינדרויסנ.

די באלעבאָסטע האָט אנדערש פארשטאנענ דעמ ייִנגלס אופרעגונג.

— זיכ דערליגנ, ניט געקאָנט פריִער ארויס.

טימאָש איז שוינ געווענ אינ הויז. ווענ אינדרויסנ זײַנענ פוכקע שנײעלעכ געפאלנ אפ זײַנ הײסנ פּאָנעמ, האָט ער זיכ געשטעלט א פראגע:

— וואָס טוט מענ?.. אהא, איכ וועל לויפנ צומ פּעטער דאָרבאנ.

ערשט איצטער האָט זיכ בא אימ אויסגעבילדעט א ריכטיקער פלאנ. דאָס ייִנגל האָט זיכ א וואָרפ געטונ הינטער דער שטוב. נעבנ שטעלכענ האָט זיכ עפּעס א ריר געטונ, אונ ער האָט זיכ אָפּגעשטעלט. פונ דאָרט האָט זיכ דערטראָגנ אנ אומדײַטלעכ ברומענ, אונ ס'האָט זיכ דערהערט באגריִס הויכע פראגע:

— ס'איז דו, האָרפינע? לײג זיכ שלאָפנ, ווײַל איכ וועל שפּעט צוריק־קומענ. טימאָשס טונקעלע געשטאלט נעבנ וואנט האָט באגרי, ווײַזט אויס, אָנגענומענ פאר דעמ ווײַבס געשטאלט. דאָס ייִנגל איז געשטאנענ פארגליווערט אונ האָט גאָרניט געענטפערט. ער האָט געזענ, ווי צווײ טונקעלע געשטאלטנ האָבנ זיכ אָפּגעטײלט פונ שטעלכענ, אפנ פּאָנ פונ די פוכקע באווענ-

לעבע שנייעלעכ אוועקגעשווימען גלײַך אהין צום פרײַען פלאַץ, וואָס האָט זיך געצויגן אַזש ביזן סאַמע ברעג פון יאַם. און דעם ייִנגלס מויעך האָט ווידער שאַרף געעקבערט אַ געדאַנק:

— איך וועל צולויפן צום פעטער דאָרבאַן און דערוויַל וועלן די סימאָנים פאַרדעקט ווערן מיט שניי... נו יאָ, די שפּורן וועלן פאַרווייעט ווערן. זיי האָבן דאָך אַזוי גערעדט אין שטוב און דאַן... ניין...

קימאַט אומבאַוווּסטזיניק האָט זיך דאָס ייִנגל אונטערגעגעבן אַ נײַעם געדאַנק און אָנשטאָט גיין צו דאָרבאַנען, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט גלײַך נאָך די פישערס. די געשטאַלטן זײַנען שוין פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש. טימאָש האָט אָבער געזען אונטער די פיס די ווײַטלעכע שפּורן אַפן שניי. אַזוי איז ער צוגעקומען ביזן סאַמע ברעג. די שפּורן האָבן געפירט ווײַטער אין אָפענעם יאַם. דאָס ייִנגל האָט אַלץ אָנגעהויבן באַנעמען אַף זײַן אויפן. דער קאָלעקטיוו האָט נעכטן פאַרשאָטן די נעצן אונטער אײַז, גייען זיי, ווײַזט אויס, זיי אַרויסגאַנווענען.

ער האָט פאַרגיכערט די טריט. פאָרויס האָבן אָנגעהויבן שווינדלען די שאָטנס.

— זיי וועלן באַמערקן, — האָט אַ שוועכ געטון אַ געדאַנק, און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. און אַז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אים מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט אַ שרעק. ביז איצטער איז ער געווען אין געפּענקעניש פון נערוועזער אָנגעשטרענגטקײַט און האָט ניט געטראַכט פון קיין פּאַכעד. זײַנע פיס האָבן זיך אַליין אויסגעקערעוועט אַפּ צוריק, און דאָס ייִנגל האָט געמאַכט עטלעכע שפּאַנ. מיטאַמאָל איז פאַר אים דורכגעשווומען זײַן באַליבטער טרוים.

— ער שטייט אין אַ מאַטראָסקע אַף דעם פּאָדערטײל פון אַ גרויסן דאַמפּער...

באַ דער זײַט איז פון דער פינצטערניש אַרויסגעשווומען דער מוטערס מאָגער און פאַרוויינט געזיכט. און אַפן האַנט האָט ער דערפילט אַ הייסע טרער. דאָס אַלץ האָט שוין אין מויעך דערמאָלט דער קלאָרער געדאַנק.

— ס'וועט ווערן אויס קאָלעקטיוו, וועט ער ניט זײַן קיין מאַטראָס, און דאַן וועט די מוטער שטענדיק וויינען און הונגערן.

טימאָש האָט פאַרקוועטשט די ציין, האָט פאַרפּליושטשעט אַף אַ ווײַלע די אויגן, האָט זיך אויסגעקערעוועט און האָט זיך אַ וואָרף געטון נאָכלויפן די פישערס. ביזוואַנען ער איז געלאָפן, איז אים ניט געווען אַזוי שרעקלעך. האָט ער זיך אָבער אײַנגעמיט און אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעך, האָט אים ווידער ארומגעכאַפּט אַן איימע. קיין קעלט האָט ער ניט געפילט, אַדאַנק זײַן פּסיכישן צושטאַנד — און צוויטנס, האָט אָפּגעלאָזט דער פראָסט. ס'איז געוואָרן לינדער, און דער שניי איז פײַכט געווען.

ס'האָט זיך דעם יינגל געדאַכט, אַז ער איז אַסאַך־אַסאַך דורכגעגאַנגען, און ער האָט נאָך אַלץ די פישערס ניט דעריאָגט. די שפּורן זייערע האָט ער, פונדעסטוועגן, אַרויסגעזען אַפן שניי.

— לאַנג וועט ער נאָך גיין אַזוי? ער האָט נאָך ניט באַוויזן זיך אַליין שטעלן די פראַגע, ווי צו זײַן אויער האָט זיך דערטראָגן אַן אָפּקלאַנג פון אַ מענטשלעכן שמועס. דעם אָפּקלאַנג האָט זײַן פאַרשטעלונג דערהערט, אינדערעמעסן האָט מען ניט געהערט גאָרניט, ער האָט זיך אָבער אָפּגעשטעלט:

— און וואָס אויב מע וועט אים פאַקן?

אין דער מינוט האָט דאָס יינגל גאָרניט געטראַכט דערפון.

— זיי וועלן דאָך שלאָגן און עפּשער וועלן זיי... הארגענען.

דאָס הארץ איז אַפּ אַ ווײַלע פאַרשטאַרבן אין ברוסט און האָט זיך הילכיק צעקלאַפּט דערשראָקן. די ציין האָבן אויך געקנאַקט אין מויל, און די קני האָבן זיך אונטערגעהאַקט. דאָס האָט געדויערט איין מינוט, דערנאָך האָט זיך דאָס יינגל אַ ריס געטון פונעם אָרט, פונקט ווי אַ וויכער זאָל אים אופכאַפּן און האָט זיך אַ וואָרף געטון פונדאָרטן, אַליין ניט פאַנאַנדערגעקליבן, וווהין ער איז געלאָפן, ביז זײַנע ווילד־אויסגעשטאַרטשעטע אויגן האָבן מיטאַמאָל פון פאָרנט באַמערקט עפּעס אַ טונקעלן פלעק. ער האָט אַן אויקע געטון און האָט זיך דערשראָקן

צוגעזעצט. ער האָט פאַרפלישטשעט די אויגן און האָט זיך אַ וואָרף געטון אָן אַ זײַט מיט אַן אומענטשלעכן וואָיען, ווי אַ צעשלאָג הינטל...

דער טונקעלער פלעק, וואָס האָט אים אַזוי דערשראָקן, איז געווען אַ קופּע קריהעס, וואָס די כוואַליעס האָבן אַמאָל פאַר־טראָגן אפן זאַמד.

שוין גאָר לאַנג, ניט ווײַט פון יענעם אָרט, ווו טימאָש האָט צום ערשטן מאָל דערשפּירט אַ שרעק און האָט זיך אַ וואָרף געטון אַנטלויפן, האָבן צוויי געשטאַלטן זיך באַוויזן אין דער באַוועגלעכער פינצטערניש. ס׳האָט זיך געהערט אַ שטילער געשפּרעך.

— ס׳האָט זיך, דאַכט זיך, דערהערט אַ געשריי,— ס׳האָט זיך דערהערט באַגריס אָפּגעריסענע שטים.

— דאָס האָט אַ הינט געסקוליעט,— האָט אים טשוטשמאַ־נענקאָ באַרויִקט.

ביידע פישערס האָבן זיך אָפּט אָפּגעשטעלט און זיך שאַרף אײַנגעקוקט אַרום זיך.

— נו יאָ, אַ הונט,— איז דער עלטער געבליבן בײַ זײַן מיינונג אַז זיי זײַנען שוין צוגעקומען צום ברעג, איז זייער שרעק עטוואָס אַריבער.

— איצט, וואָס ס׳וועט זײַן, וועט זײַן,— האָט באַגרי געבור־טשעט.

— ס׳וועט גאָרניט זײַן, און דעם קאָלעקטיוו וועט טרעפן אַן אומגליק,— האָט טשוטשמאַנענקאָ געענטפערט. ס׳אַ גרויסע זאַווערוכע, ביז אינדערפרי וועלן קיינע סימאָנים ניט בלײַבן קום איצטער צו שווערונען.

טשערעקוטקע האָט זיי באַגעגנט מיט אַ שטיל־שווײַגעניש. ערגעץ ווו ניט ווו האָבן אין אייניקע הײַזלעך ניט דרייסט געבֿ־ליצלט פײַערלעך.

פּראָוואָקאַציע

פֿאַרטאָג האָט אַ ליאַרעם דאָס דאָרף אויפֿגעוועקט. אָניסקעס קאָראָטקאָווע איז אַרומגעלאָפֿן פֿון שטוב צו שטוב. האָט פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט און האָט מיט געוויין דערציילט וועגן איר אומגליק, און נאָך איר האָט געפֿויזעט אַ מאָדנע מעשׂה, וואָס איז אויף יעדן טריט און שריט באַוואַקסן געוואָרן מיט רעכילעס און האָט זיך צעוואַקסן ווי אַ הרודע שניי, וואָס האָט זיך אַראָפּגעקויקלט פֿון אַ באַרג.

— אָניסקעס קינד האָט מען צוגעגאַנוועט.

די ידיעה האָט צום ערשטן יעדן דערשלאָגן און דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ פֿרעגעניש, אַן איבערדערציילעניש.

— ווען, וויאַזוי?

— בײַנאַכט. זי איז געשלאָפֿן און האָט פֿאַרגעסן פֿאַרריגלען די טיר, האָט מען זיך אונטערגעגאַנוועט. זעלטן ווער ס׳פֿאַרריגלט בײַ אונדז די טיר. צווישן די פֿישערס זײַנען קיין גאַנאָווים ניטאָ, קיין האָב און גוטס פֿאַרמאָגט מען ניט.

— דאָס ווײַבל דערציילט, ווי זי האָט נאָר צוגעמאַכט די אויגן, ערשט זי גיט זיך אַ כאַפּ — ניטאָ דאָס קינד.

— עפּשער האָט זי אויסגעטרונקען. מע דערציילט, בײַ איר איז נעכטן געווען אַ סקלאַדטשינע.

— ניין, די ווײַבער האָבן אַביסל געזונגען און זײַנען זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען, געווען ווײניק בראָנפֿן.

— ווער דאַרף דאָס קינד? אָט אַ וועלט, מע גאַנוועט גאָר קינדער.

אַלע האָבן געקאָנט אָניסקען קאָראָטקאָווע. דאָס ווײַבל האָט ליב געהאַט נעמען אַ קוויטע, און זי האָט געהאַט פֿאַרוואָס: דער מאַן האָט געדינט אין בערדיאַנסקער פּאָרט און האָט אַסאַך פֿאַרדינט.

פארטאָג האָט זיך אופגעהויבן דער ליארעם, און אינדער־פרי שוין האָט גאנץ טשערעקוטסקע געהודעט פונקט ווי בינען אין א בינשטאָק.

בא שוועדונען אין שטוב איז ביז אינדערפרי געווען אן אוילעם. די פארברענטע קאָרטן־שפילערס האָבן זיך פארכאפט מיט דער שפיל. א גאנצע נאכט האָט מען געשפילט. ווײַל ס׳איז זייער אן אינטערעסאנט שפיל. טשוטשמאנענקאָ מיט באגרין האָבן שוין פארשפילט צוויי האלבע קווארטלעך. האָט מען זיי אויסגעטרונקען, און דער באלעבאָס פון דער דירע, וואָס שפילט מיטן שאָכן בילאנען, וויל נאָך אויסשפילן.

אויך אהין איז אָניסקע ארײַנגעלאָפן. אלע האָבן זיך פאר־בידעשט, און באגרי האָט מיטגעפילט.

— אזא מין אומגליק. דו זוך בעסער גוט. עפשער איז עס ערגעץ אין שטוב פארקראָכן.

דאָס ווײַבל האָט אָפ אים א קוק געטון מיט פארדראָס, מיט פארווייינטע אויגן.

— ס׳איז דען א נאָדל?

זי האָט ארומגעפירט די ארומיקע מיט א ייִעשדיקן בליק און איז ווידער ארויסגעשפרונגען אין גאס. אז זי איז ארויס, האָט דער אלטער טשוטשמאנענקאָ זיך שארף אײַנגעקוקט אין שוועדונס געזיכט און האָט באמערקט:

— מע האָט פארגעסן אין גאָט, מע האָט אָנגעהויבן אויס־טראכטן אלערליי קאָלעקטיוון, קומט דערפאר אזעלכס פאָר.

באגרי האָט פארקרומט דאָס געזיכט אין א שמייכל און האָט זיך אומנאטירלעך געכאָכמעט.

— מיר דארפן זיך ניט שרעקן, אז מע וועט זאָגן מיר גאנ־ווענען קינדער, מיר זײַנען א גאנצע נאכט פארטון אין אונד־זער ארבעט.

אָניסקע האָט זיך באגעגנט אין גאס מיט קארפענטשיכעס דער רעבילעסניצע.

— כ׳האָב געהערט, ווײַבל, וועגן דײַן אומגליק געהערט, — האָט זי זי באגעגנט. זי האָט זי אָנגענומען פאר א האנט, אָפ־

געפירט זי אַף אַ זײַט, כאָטש מע האָט עס ניט באַדאַרפט, ווײַל סמיוויי איז נאָענט קיינער ניט געווען. זי האָט סוידעסדיק געשעפּטשעט:

— אָט־דאָס הייבט זיך אָן, אַניסקע. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן פון דײַן אומגליקלעכן קעפּעלע. דאָס איז די קאָלעקטיווישטשי־קעס אַרבעט. האָסט געהערט די מײַסעס וועגן זיי! זיי זײַנען מאַק־ריוו קליינע קינדער. דאָס האָבן זיי דײַן קינד אוועקגעגאַנוועט.

קאַראַטקאָווע האָט אויסגעראַטשעט די אויגן און זיך צע־פינטלט מיט די ווּיִעס.

— נעכטן אינאָוונט איז פאַרגעקומען זייער קאָלעקטיווע אסיפה בײַ דאַרבאַנען, — האָט קאַרפּענטשיכע פאַרגעזעצט, — דאָרט דאַרף מען זוכן די שפּורן.

אַניסקע האָט ניט אויסגעהערט ביזן סאָף, האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט און האָט זיך אַ וואָרף געטון איבער דער גאַס. זי איז געקומען צו לויפן צו דאַרבאַנס שטוב און האָט ווילד אָנגעקלאַפּט אין טיר.

דער פישער איז נאָך ניט אופגעשטאַנען און איז אַרויס עפענען אין דעם אונטערשטן וועש. ער האָט ניט באַוויזן עפע־נען די טיר, ווי דאָס ווײַבל האָט זיך אָנגעטשעפּעט אין זײַן וועש. אַז ס׳זײַנען זיך אַזש שמאַטקעס צעפלויגן. דאַרבאַן האָט אָפּגעשטויסן דאָס ווײַבל.

— וואָס איז מיט דיר? דו ביסט מעשוגע?

— וווּ האָסטו אַהינגעטון מײַן קינד? גיב עס גלײַך אָפּ! — האָט קאַראַטקאָווע אומפאַרשטענדלעך געשריִען.

דעם פישערס ברעמען האָבן זיך פאַרוווּנדערט אופגעהויבן אינדערהייך:

— וואָסער קינד? דו רעדט ווי אַ מענטש, דו האָסט דאָך אײַנגאַנצן צעריסן די העמד. קום אַרײַן אין שטוב.

שוין אין שטוב אין אַ היפּשער ווײַלע אַרום האָט דאַרבאַן ענדלעך פאַרשטאַנען, וואָס איז געשען און איז בייז געוואָרן:

— צי דו ביסט מעשוגע? צי דו ביסט כאָסערדייע? אַזוינס קען נאָר אַ מעשוגענער אויסטראַכטן...

ער האָט זיכ אָבער דערמאנט אינ די מײַסעס, וואָס זײַנענ אומגעגאנגענ איבערנ דאָרפ, פונ וועלכע ער האָט זיכ פריִער באָר אויסגעלאכט אונ איז אופגערעגט געוואָרנ.

— עפשער האָבנ אויכ דאָ די באַלעגופים ארויסגעוואָרפנ עפּעס א שפּיצל?

אָניסקע האָט ניט געוואָרט אָפּ קײנ ענטפער אונ איז ארויסגעלאָפנ אינ גאס, זי איז געפלויגנ אינ גאס אונ האָט ווילד געשריִענ:

— מענטשנ, ראטעוועט, העלפט מיר, די קאָלעקטיוושטשיקעס האָבנ צוגעגאנוועט מײַנ קינד!

ביז איצטער, ווער ס׳האָט אפילע געטראָגנ אינ קאָפּ אזא געדאנק, האָט ניט געוואגט אימ ארויסזאָגנ. אָבער איצט האָבנ אלע געשריִענ אינ אײנ קאָל:

— נו, יאָ, ס׳איז זי. אזוי האָט דאָכ אינ שטעטל דערצײלט דער מענטש אינ רויטארמײיִשנ היטל.

— עפשער האָבנ זײ שוינ געקוילעט אָדער דערטרונקענ, — האָט עמעצער געפּרוּווט זיכ טרעפנ.

די ווײַבער זײַנענ אָנגעפאלנ אָפּ מאָקרײיִכענ, יענע האָט מיט שרעק זיכ אָפּגעטריבנ פונ זײ.

— איר האָט פאר גאָט קײנ מוירע, גוטע לײַט! ווו איז דאָס געהערט געוואָרנ? ס׳א ליגנ. איכ שווער אײַכ בא גאָט, איכ בינ דאָכ א קריסטנ אונ גײ אינ קלויסטער.

עמעצער האָט שוינ געגעבנ געוויסע אָנווײַזונגענ — קארפּענטשיכע האָט זיכ שוינ, ווײַזט אויס, באמיט דאָס טונ.

— בא דאָרבאנענ האָבנ זיכ נעכטנ צונויפגעקליבנ די קאָלעקטיווטשטשיקעס. דאָס האָבנ זײ דאָרט באהאנדלט די זאכ וועגנ אָניסקעס קינד.

צווישנ טשערעקוטקער הײַזלעכ, וואָס האָבנ אויסגעזעענ נאָכ קלענער אונ הילפלאָזער אונטערנ שניי-לײַלעכ, אפנ פאָנ פונ בלאסנ פרימאָרגנ, האָבנ זיכ אָט-דאָ, אָט-דאָרט צונויפגעקליבנ רעדלעכ מענטשנ. דורכויס אלצײנע דיבורים. ווו-ניס-ווו האָבנ זיכ שוינ געהערט אופגערעגטע אויסגעשרײענ אונ דראָונג קעגנ קאָלעקטיוו.

באגרי מיט טשוטשמאַנענקאָ: זײַנע איבערגעגאַנגענ פונ אײנ רעדל צום צווייטנ אונ האָבנ אַרויסגעטראָגנ זײער געדאַנק.

— מע דאַרפ דורכטרײסלענ בא דאָרבאַנענ!

די רעדלעכ האָבנ זיכ פאַרגרעסערט, די אופרעגונג האָט געשטיגנ. טשוטשמאַנענקאָ האָט זיכ געשעפּטשעט מיט באַגריִענ אונ זיכ אונטערגענומענ אָנפירנ מיטנ אוילעם. ער האָט זיכ אָפּגעשטעלט לעבנ דעם גרעסטנ רעדל מענטשנ אונ האָט געשריִענ:

— גוטע לײַט! אזעלכס האָט זיכ נאָכ אינ אונדזערע צײַטנ ניט פאַרלאָפנ. קײנ מאַכט האָבנ מיר ניט, טאָ לאָמיר, דער גאַנצער אוילעם עפּעס טאָנ. לאָמיר גײנ טרײסלענ דאָרבאַנענ אונ באַגלײַכ מיט אים אויכ די איבעריקע קאָלעקטיוושטשי־קעס. ווי באַלד מע רעדט — איז דאָכ עפּעס דאָ.

דאָס איז געווענ גאַנצ גענוג. דער גאַנצער האַמוינ האָט זיכ אַ לאָז געטונ נאָכנ אַלטנ. אָפּנ וועג זײַנענ צוגעשטאַנענ נאָכ מענטשנ, אונ צו דאָרבאַנס שטוב איז געקומענ אַ האַלב דאָרפ.

צום אָנהײב האָט זיכ דאָרבאַנ צעשריִענ אונ האָט ניט אַרײַנגעלאָזט אינ שטוב אַרײַנ. ער איז געשטאַנענ אָפּנ שוועל, האָט זיכ געזידלט, האָט פאַרגעהאַלטנ די פישערס. ער האָט אָבער צווישנ אוילעם ניט געפונענ קײנ מיטפילנדיקע בליקנ אונ האָט דערפילט טויבע דראָונגענ. האָט ער אַ מאַכ געטונ מיט דער האַנט אונ האָט אויסגעשפיגנ. ס'איז פונקט אָנגעגאַנגענ די דאָרפישע לערערנ, שוינ אַנ אַלטינקע, צעקנײטשטע באַבינקע. זי האָט זיכ אויכ געוואָרפנ אַרײַנרעדנ דעם אוילעם.

— כאַווײרים, אָפּנ ברעג וועט מענ דאָכ פונ אונדז לאַכנ, — האָט זי געזאָגט — מע דאַרפ מעלדנ דער מיליציע אינ דאָרפראַט וועגנ קינד, מע טאָר דאָכ זיכ אַלײנ ניט שאַפנ.

קײנער האָט זי ניט געהערט. די פישערס האָבנ זיכ אַרײַנגערוקט צו דאָרבאַנענ אינ שטוב אַרײַנ, אַנדערע האָבנ זיכ געוואָרפנ צום שאַכנ, אויכ אַ קאָלעקטיוויסט.

דאָרבאַנ האָט ניט באַנומענ די לאַגע. ער איז צוגעגאַנגענ צו מאַקריִענ, וואָס איז אויכ דאָ געשטאַנענ אונ האָט אים אַ שעפּטשע געטונ:

— דו זעסט, וואָס ס'טוט זיך. איך זאָל ניט דערלעבן אַרויס פֿון מײַן אָרט, אויב דאָס זײַנען ניט די באַלעגופֿישע שטיקלעך. לויף גלײַך קיין סטאָקאָפּאַנ אין דאָרפֿראַט. דאָרט איז סאַמסונ — אונדזער באַפּולמעכטיקטער. זאָל ער נעמען דעם פֿאָרזיצער פֿון דאָרפֿראַט, א מיליציאָנער און קומען גלײַך אַהער. ס'קאָן זיך טרעפֿן אַן אומגליק, וואָס מע וועט דערנאָך ניט אימשטאַנד זײַן צו פֿאַריכטן. דערציילן זיי וועגן אַלץ.

מאָקרי האָט מיט אַלע קויכעס זיך געלאָזט לויפֿן.

די פֿישערס האָבן גאָרניט געפֿונען בײַ דאָרבאַנען און האָבן געשריִען, מע זאָל גיין באַזוכן א צווייטן קאָלעקטיווויסט. אָבער דער אַלטער טשוטשמאַנעקאָ האָט אַרײַנגעגעבן א נײַעם געדאַנק.

— זיי וועלן דען האַלטן אין שטוב? אין יאַם דאַרף מען זוכן. דאָרט זײַנען פֿאַרשאָטן די קאָלעקטיווע נעצן, האָט מען עפּשער דאָס קינד אויך דאָרטן פֿאַרשאָטן. קעדיי די פֿיש פֿאַרנאַרן.

דער אוילעם האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן די רייד. ער האָט אופֿגערעגט געברומט. די ערשטע האָט זיך א וואָרף געטון פֿון דאָרף אָניסקאַ, נאָך איר א צוויי צענדליק פֿישערס, ווײַבער און מענער. אַז זיי זײַנען שוין געווען אַפֿן וואַס־בלישטשענדיקן אײַז,—האָט דער שטורעם־ווינט צו אינדערפֿרי זיך אײַנגעשטילט, און ס'האָט שוין אַרויסגעשײַנט די זון,— האָבן זיך אוועקגעלאָזן נאָך אַסאַך פֿאַרינטערעסירטע. אייניקע קאָלעקטיוויסטן מיט דאָרבאַנען בראָש האָבן זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט.

— קומט, לאָמיר זען, איר וועט זיך איבערצײַגן, אַז איר זײַנט נאַראָנים.

בײַם ברעג האָט האָרפּינע אָפּגעשטעלט באַגריִען. דער באַלעגופֿ איז נאָך ביז איצט ניט געווען אינדערהיים. דאָס ווײַב האָט אים פֿאַרזאָרגט געמאָלדן:

— אונדזער טימאָש איז פֿון נעכטן ערגעץ ניט געבליבן.

באַגריִען קריכט ניט אין קאָפּ דאָס באַטראַכטן. ער איז פֿאַר כאַפּט מיט זײַן זאַך. ער האָט פֿאַרגעסן נעכטיקע פּראָטים און האָט גלײַך א זאָג געטון:

— עפּשער בא דער מוטער? דו ביסט דאָרט געווען?

האָרפּינען איז דאָס גאָרניט געקומען אפן זינען, און זי האָט זיך אויסגעקערעוועט אין דאָרף אַרײַן.

אין א האלבער שאָ ארום איז אָניסקע מיט די פּאָדערשטע פישערס שוין געווען דרײַ קילאָמעטער פון ברעג, ווו ס'זײַנען געווען פארשאָטן די קאָלעקטיוויסטישע נעצן. פון סאמע ברעג אָן ביז יענעם אָרט האָבן גרופּעסווײַז און אײנציקווײַז גיך געשפאנט נײַגיריקע. דער אלטער טשוטשמאנענקאָ האָט באלד אָנגעהויבן גיבן אָנווײַזונגען. מע האָט אָפּגעטשעפּעט דעם קויטיקן אנקער נעבן דער ערשטער פּאָלאָנקע, פון דער צווייטער האָט מען אָנגעכאפּט די שטריק, און מע האָט זי אָנגעהויבן שלעפּן. אין א ווײַלע ארום האָט זיך דערהערט אן איבער מענטשלעכער שרעקלעכער געשריי און שפּעטער א ווײַלע האָט באגרי מיט בייזער האנאָע אויסגעשריגן:

—אָט, בירגער, וואָס אונדזערע קאָלעקטיוון זײַנען!...

אפ זײַנע הענט אפ א האטשעק פון די נעצן איז געהאנגען אן'אומבאוועגלעכ בלוי־ראָבער קערפּער פון א קליין קינד. א שרעק האָט ארומגעכאפּט אלע ארומיקע. זיי האָבן געשוויגן. אין א ווײַלע ארום האָט זיך אָניסקע א וואָרפ געטון צום קינד מיט א שנײַדנדיקן וואָיען, האָט עס אָפּגעטשעפּעט פון האטשעק און האָט מיט א יאָמער צוגעדריקט עס צום הארצן. דאָרבאן האָט זיך א ריס געטון צו דער פּאָלאָנקע, דערנאָכ איז ער מיט א טויט־בלאסן געזיכט אָפּגעשפּרונגען אפצוריק. פון זײַן מויל האָט זיך ארויסגעכאפּט א כריפּענדיקער רעווע.

— ווער האָט עס געטון?

די וואָס זײַנען נאָכ ניט צוגעגאנגען צום אָרט, ווו די נעצן זײַנען געשטאנען, האָבן באמערקט, אז דאָ קומט פּאָר עפּעס אומגעוויינלעכס. האָבן זיי אָנגעהויבן לויפן, און באלד האָט זיך נעבן דער פּאָלאָנקע צונויפגענומען אן אוילעם. אלע האָבן זיך געשראָקן, געוויקעט.

— דאָס האָבן די פארשטינקענע קאָלעקטיווטשיקעס געטון, שלאָג! — האָט באגרי מיטאמאָל בייז אויסגעשריען.

עמעצער האָט א זעצ געטוּנ סאָלאָכעּנ, אײניקע האָבּנ זיך א וואָרפ געטונ צו דאָרבּאנענ. די מער בּאקלערטע אָבּער האָבּנ אָנגעהויבּנ פאנאנדערנעמענ.

— דאָס דארפ מענ ניט טונ, פרייער פאר אלצ בּאדארפ מענ פאנאנדערפרעגנ.

— גיבּ אהער די סאָוועצקע וולאסט, זאָל זי א קוק טונ,— האָט דער אלטער טשוטשמאנעגקאָ אויסגעשריענ.

דערוויַל איז פונ דער זיַט פונ דאָרפ אָנגעפאָרנ אינ א שליטנ עפּעס א מענטש. ער האָט זיך אראָפּגעכאפּט פונ שליטנ אונ איז צוגעלאָפנ צומ אוילעמ. אז ער האָט דערזענ דעמ בּלאסנ דאָרבּאנענ, האָט ער זיך דורכגעשפּארט צו אימ, האָט זיך אָנגעבּויגנ אונ האָט עפּעס שטיל געזאָגט. אלע האָבּנ זיך ארומ צעהודעט מיט פריַנטשאפט:

— דאָס איז דאָך אויך א קאָלעקטיוושטשיק פונ פראָקאָפּיווּקע. זע, מע רעדט זיך עפּעס צונויפ, אלעמענ דערפרעגנ!

דער אוילעמ האָט זיך צעפּאָכעט מיט די פויסטנ אונ מיט רויטע צורעס זיך א לאָז געטונ צו דאָרבּאנענ.

— מע דארפ ניט פאנאנדערפרעגנ, ווארפט אימ אינ פּאָלאָנקע,— האָט בּאגרי ווידער אויסגעשריגנ.

דער וואָס איז אָנגעקומענ, האָט זיך פארלאָרנ געדרייט, האָט זיך בּאמיט עפּעס זאָגנ, נאָר די געשרייענ האָבּנ אימ געשטערט.

דערנאָך האָט דער גאנצער אוילעמ זיך מיטאמאָל צערע־וועט, פונקט ווי לויט א בּאפעל. זיי האָבּנ א וואלגער געטונ סאָלאָכענ, דאָרבּאנענ.

אָט־אָט וועט געשענ אנ אומגליק. ערשט א נייַע געשעעניש: מיט צעפּאטלטע האָר אפ דעמ ניט צוגעדעקטנ קאָפּ איז צומ אוי־לעמ אָנגעלאָפנ די דארע נעשטשאדימיכע. זי האָט אויסגעש־טרעקט די הענט צומ אוילעמ. האָט זיך פארכליפּעט מיט טרערנ אונ האָט מיט ייִעש געשריענ:

— מייַנ טימאָש איז אויך ניטאָ. דאָס ייִנגל איז ערגעצ פאר־פאלנ געוואָרנ, געפינט אימ, גוטע מענטשנ!

דער אוילעם איז אפ א ווײַלע פארגליווערט געוואָרן. עמעצער האָט א געשריי געטון:

— נעמען זיך שוין, הייסט עס, קאָלעקטיווטשיקעס ניט נאָר פאר קליינע, נאָר פאר גרויסע אויך. זוכט, ברידער, ווײַטער.

די פישערס האָבן אָפּגעלאָזן סאָלאָכעס מיט דאָרבאַנעס און האָבן זיך א לאָז געטון צו די פּאָלאָנקעס ציִען די נעצן. דער פישער פון פּראָקאָפּיווקע האָט געוואָלט אויסנוצן דעם מאָמענט. ער איז צוגעלאָפן צום שליטן, מע האָט אים אָבער באמערקט דעריאָגט און א וואלגער געטון אפן אײַז:

— וווהין? דאָ זאָלסטו ווארטן אפ דײַן פינצטערן כיילעק.

נעשטשאדימיכע האָט געיאָמערט און האָט מיט געבעט אויסגעשטרעקט די הענט אינדערהויך. ווײַט און דער זײַט איז ווי א שיקערע אומגעגאנגען אָניסקע קאָר'אָטקאָווע, צוגעדריקט דאָס קינד צום ברוסט און אומענטשלעך געוואָיעט.

די פישערס האָבן זיך צעלאָזט אינדערלענג פון אלע פּאָלאָנקעס און האָבן זיך פארכאפּט מיט דער ארבעט. די, וואָס האָבן געהיט די קאָלעקטיוויסטן, האָבן אויך מער געקוקט אין זייער זײַט. קיינער האָט ניט באמערקט ווי פון טשערעקוטקע האָט אהער געיאָגט א רײַטער.

אז ער איז שוין געווען גאָר נאָענט, האָט עמעצער אויסגעשריִען:

— מיליציע!

די לעצטע פישערס האָבן אויסגעדרייט די קעפּ. אויך פון אנדערע פּאָלאָנקעס האָט מען באמערקט דעם רײַטער, איז מען צוגעקומען נעענטער, און מע האָט זיך צונויפגעקליבן אין א ראָד. דער מיליציאָנער איז צוגעלאָפן צו די לעצטע פישערס און האָט אויסגעשריִען:

— וואָס איז געשען? וואָס האָט זיך דער אוילעם צונויפגעקליבן אפן יאם? דער אלטער טשוטשמאנענקאָ האָט זיך ארויסגערוקט פאָרויס:

— אהא, מאכט, מיר דארפן דיך טאקע האָבן.

— די קאָלווירטשטשיקעס האָבן דערשטיקט א קינד, — האָט באגרי אונטערגעכאפּט.

מע האָט דעם מיליציאָנער ארומגערינגלט פונ אלע זײַטנ און, איבערשלאָגנדיק אײנער דעם אנדערנ, האָט מענ אָנגעהויבנ דערציילנ וועגנ די געשעענישנ.

— ווו איז דאָס קינד? — ווײַזט עס אהער, — האָט דער מיליציאָנער באפוילנ. עטלעכע פישערס זײַנענ צוגעלאָפנ צו אָניסקענ.

סאָלאָכענ און די איבעריקע קאָלעקטיווויסטנ איז געוואָרנ גרינגער אפנ הארצנ. דער טויט־שרעק איז אראָפּ פונ זײערע פּענעמער. דאָרבאנ האָט בייז א שפּײַ געטונ. דער פראָקאָפּיוור־סקער פישער איז צוגעגאנגענ צו אימ:

איצט הײב איכ אָנ פארשטײנ אלצ, איצט איז פאר מיר קלאָר, אז דאָס איז זײער ארבעט. אָט אפאנעמעס! — האָט ער עמעצנ אויסגעזידלט.

— דאָרבאנ האָט אָבער ניט געהערט, וואָס דער פישער רעדט צו אימ, ער האָט דערזענ סאמסונענ, וואָס איז אָנגעפאָרנ אפ א שליטנ צוזאמענ מיטנ פאָרזיצער פונ סטאָקאָפּאנסקער דאָרפראט און האָט זיכ געאײַלט זײ אנטקעגנ. דער פראָקאָפּיווער פישער האָט דערזענ נעשטשאדימיכענ, וואָס האָט מיט א יאָמער עפּעס געבעטנ באמ מיליציאָנער. איז ער צו איר צוגעלאָפנ און האָט זי אָפּגעפירט אָנ א זײַט.

— בארויִק זיכ ווײַבל, דײַנ יינגל לעבט און געפינט זיכ אינ פראָקאָפּיווקע.

— נעשטשאדימיכע האָט א קוק געטונ אפנ פישער און האָט זיכ ניט געגלויבט.

— ער לעבט?

— נו, יאָ.

אנ איבערמענטשלעכע פרײד האָט זיכ אָנגעצונדנ בא דער פרוי אינ די אויגנ. זי האָט א כאפּ געטונ דעם פישער בא דער האנט און האָט הײס אויסגעשריִענ:

— ווו איז ער, פיר מיכ באלד אהינ!

דער פישער האָט בארויִקט נעשטשאדימיכענ, און איז נאָכגעלאָפנ נאָכ דאָרבאנענ. לעבנ שליטנ האָט ער אײַלנדיק דערציילט סאמסונענ און דעם פאָרזיצער פונ דאָרפראט:

— דאָס איז פאַרגעקומען באַנאַכט. איינער פון אונדזערע קאָלעקטיוויסטן, וואָס וווינט באַם סאַמע ברעג, איז אַרויס אײַנ־דרויסנ. ער הערט זיך צו — עפּעס א געשריי פון יאם, ווי ס׳זאָל וואָיען א הונט אָדער א שאַקאַל. ער הערט זיך ווײַטער אײַנ — פונקט ווי א קינדערש געוויין, און דאָ פאַרקלעפּט דער שניי די אויגנ. מע זעט גאָרניט. האָט ער א כאַפּ געטון א שטעקנ און איז אוועק נאָכנ געשריי נאָך. גיך האָט ער אין טונקלעניש דערזען א ייִנגל. דער פישער האָט זיך צו אים א לאָז געטון, דאָס ייִנגל אנטלויפט. ער האָט זיך, ווײַזט אויס, שטאַרק אײַנ־געמיט, ווײַל דער פישער האָט אים גיך געכאַפּט. ער האָט אים געבראַכט אהיים, האָט מיך א רוף געטון. מיר האָבנ אינצווייען אים אָנגעהויבנ אויספרעגנ און קאָנען גאָר ניט פאַרשטיין. דאָס ייִנגל וויינט, דערמאַנט אלץ באַגריַענ מיט טשוטשמאַנענקאָנ. אז זיי זײַנען אוועק צעוואַלגערנ דעם קאָלעקטיוו, און ער, האָט נאָך זיי נאָכגעשפּירט, דערנאָך האָט ער זיך דערשראָקנ און איז אנטלאָפן... פאַרשטייט זיך, ווער קען ניט אײַער באַג־ריַענ מיט טשוטשמאַנענקאָנ. האָבנ מיר זיך אָנגעשטויסנ, פונ־וואַנען איז דאָס ייִנגל. מיר האָבנ אים אָנגעטרונקען מיט טיי און געלייגט שלאָפנ, און אינדערפרי בינ איך אוועקגעפאָרנ קיין טשערעקוטקע. איך הער אפנ באַרג — ס׳האָט זיך געטראָפנ אנ אומגליק. איך זע — מענטשנ אפנ יאם, האָב איך אהער פאַרקע־רעוועט. דערנאָך האָב איך שיר אליין דעם קאָפּ ניט אָנגעווירנ. איצט איז מיר אלץ קלאָר. דאָס טויטע קינד — דאָס איז טשוטש־מאַנענקאָס מיט באַגריַעס אַרבעט.

דער פאָרזיצער פון דאָרפראַט האָט זיך געזעצט מיט סאַמ־סונען און מיט דאָרבאַנען, האָט א רוף געטון דעם מיליציאָ־נער, וואָס האָט אויסגעפרעגט א פישער און איז געווען אַרומ־געדרינגלט מיטנ אוילעם. דער מיליציאָנער האָט אויסגעהערט דעם פאָרזיצער, האָט זיך אויסגעדרייט צום אוילעם. ער איז צוגעפאָרנ צו טשוטשמאַנענקאָנ מיט באַגריַענ, וואָס זײַנען געש־טאַנען איינס נעבנ אנדערנ, און האָט זיי שטרענג געזאָגט:

— איר זײַנט אַרעסטירט, גייט נאָך מיר!

דער אוילעם האָט צעטומלט אַנ אויקע געטונ אונ האָט זיך שטארק געוווּנדערט.

— מיט וואָס פאר רעכט! דאָס איז ניט ריכטיק! ארעסטיר די קאָלעקטיוושטשיקעס — האט באגרי געפּרוּווט פּראָטעסטירנ. ער האָט באגעגנט דעם מיליציאָנערס שטרענגנ בליק, איז ער אנשוויגנ געוואָרנ אונ האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ —

יענעם טאָג האָט טימאָש א פריילעכער דערציילט בא זיך אינדערהיים דעם פאָרזיצער פונ דאָרפראט וועגנ דעם, ווי ער האָט געהערט אפנ אויוונ טשוטשמאנענקאָס אונ באגריעס שמועס. ווי ער איז אופגערעגט געוואָרנ, ווי ער האָט זיי נאָכגעשפּירט אפנ יאַם אונ דערנאָך זיך דערשראָקנ אונ אנטלאָפנ. צום סאָפ האָט ער שטיל געזאָגט:

— זיי האָבנ געוואָלט צעוואלגערנ דעם קאָלעקטיוו, האָט מיר זייער באנק געטונ. דער קאָלעקטיוו וועט קויפנ א גרויסנ דאמפער אונ איך וועל...

דאָס יינגל האָט זיך באגעגנט מיט דאָרבאנס מיטפילנדיקנ בליק, האָט ניט געענדיקט אונ האָט זיך פארויטלט.

נעשטשאדימיכע איז געזעסנ אינ ווינקל. האָט געהערט דעם זונס דערציילונג אונ פונ אים ניט אראָפּגענומענ אירע אויגנ פול מיט ליבע. אָפּטמאָל האָט זי א פריילעכע, א גליקלעכע געשאָקלט מיטנ קאָפּ.

טשוטשמאנענקאָ אונ באגרי האָבנ זיך לאנג ניט געאקשנט. זיי האָבנ דערציילט, ווי איינע פונ דעם אלטנס שנור האָט אָנגעטרונקענ אָניסקענ אפ דער סודעלע. דערנאָך האָבנ זיי ארויסגעגאנוועט דאָס קינד אונ עס דערשטיקט. אונ איידער זיי האָבנ זיך געלאָזט גיינ צום יאַם, זיינענ זיי ארייַנ אויסטרינקענ, זיי זאָלנ ווערנ דרייסטער אונ דאָס קינד האָט מענ איבערגעלאָזט אינ באגריס שטעלכל. זיי האָבנ דאָס אלצ געטונ צוליב דעם, מע זאָל דערנאָך ארופוואלגערנ די שולד אפ די קאָלעקטיוויסטנ אונ אָנרייצנ די פישערס קעגנ זיי. אונ זיי האָבנ באַצייַטנס פארשפרייט אזעלכע יעדיעס...

אין נײַעם וועג

א ווארעמער אָטעם פֿון גארבי*) האָט געלאשטשעט דעם ברייטן אײַזיקן יאם. פֿון דעם גלעטן האָבֿן זיך אפֿן אויבֿערפֿלאך אומעטום אפֿן אײַז באוויזן טרערן — צעגאנגענע ערטער. דער־נאָך איז מיטאמאָל אָנגעפֿלויגן א שיראָקא**), האָט צעקלאַפּט די ווינטערדיקע קייטן אפֿן יאם, האָט זיי צוזעצט אפֿ שטיקלעך און האָט זיי צעטראָגן אפֿ אלע זײַטן. און ווידער האָבֿן זיך פֿרײַ געהודעט בלוי־בלישטשענדיקע, אייבֿיק־באוועגלעכע כוואַ־ליעס.

געווען איז דאָס פֿארנאכטלעך. דער פֿריִענדיקער פֿרילינג האָט שוין אפֿ דער יאַבֿאָשע גערויכערט מיט ווארעמקײַט, דער יאם אָבֿער האָט נאָך געאָטעמט מיט בייזער קעלט. ס'האָט געבֿ־לאָזן א גרעגאָ***).

אפֿ טשערעקוטקער האפֿן, עטוואָס ווײַטער פֿון בֿרעג האָט צוגעשווארטעוועט א גרויסע צוויי־זעגלדיקע מאָטאָר־שיפֿ. א גאנצע צײַט זײַנען פֿון בֿרעג אָפּגעשוווּמען שיפֿלעך, וואָס האָבֿן אפֿן דאמפֿער אריבֿערגעפֿירט האטשעקעס, נעץ־מאטעָרי־אלן. אייניקע פֿרויען האָבֿן געהאָלפֿן אָנלאָדן די שיפֿלעך. צווישן זיי נעשטשאדימיכע אלץ אזא הויכע און א דארע, נאָר אפֿן געזיבֿט האָבֿן זיך שוין עטוואָס אויסגעגלײַכט די קנייטשן, און אירע אויגן האָבֿן אפֿסנײַ געפֿינקלט. מע האָט אין זיי ניט געזען די אמאָליקע זאָרג, אין זיי האָט איצט געשײַנט א שטילער גליק.

אָט האָט די פֿרוי אויסגעגלײַכט דעם רוקן. ניט ווילנדיק איז איר בֿליק געפֿאלן אפֿן דאמפֿער, און זי האָט אפֿן באָרט באַ־מערקט דאָס קליינע באקאנטע געשטאלט.

*) גארבי — א דאָרעם-מיזרעחדיקער ווינט.

**) שיראָקא — א דאָרעם-מיזרעכדיקער ווינט.

***) גרעגאָ — אזא ווינט.

אינ אירע אויגנ האָט נאָכ אויסדריקלעכער געשײַנט א פרײַ־דיקער גליק. אז זי האָט זיכ ווידער אָנגעבויגנ צו דער אר־בעט, האָט זי ניט געזיפצט ווי אמאָל.

איצט זאָרגט זיכ ניט נעשטשאדימיכע גאנצע נעכט, ווײַל דער געדאנק, וואָס ס׳האָט איר אמאָל אופגעגעבנ דאָרבאַנ, איז פארווירקלעכט געוואָרנ:

— אינ קאָלעקטיוו וועלנ מיר ניט פארפאלנ ווערנ...

אפנ דאממפער האָט מענ אופגעהויבנ דעמ אנקער. עטלעכע קאָלעקטיוויסטנ האָבנ אָנגעשטרענגט אלע קויכעס אונ האָבנ געשלעפט דעמ גראָבנ אײַזערנעמ קאנאט פונעמ אנקער. טימאָש האָט געוואָלט ווײַזנ, ווי ער סטארעט זיכ, האָט ער אויכ אָנגע־כאפט פאר אנ עק שטריק אונ האָט געשלעפט מיט אלע קויכעס. דאָרבאַנ, וואָס איז געווענ א שקיפּער אפנ דאממער, האָט עס דערזעונ אונ האָט ווייכ באמערקט דעמ ייִנגל:

— ווארפ אוועק, טימאָש, דאָס איז ניט פאר דיר קיינ ארבעט.

דאָס ייִנגל איז אָפּגעגאנגענ אָנ א זײַט אונ האָט זיכ פאר־זאָרגט. דאָרבאַנ האָט אימ אונטערגעגעבנ מוט.

ס׳מאכט ניט אויס, ס׳וועט פאר דיר זיכ אויכ געפונענ אר־בעט. אניט צו וואָס וואָלט איכ דיכ גענומענ פאר א מאטראָס. אָט איצט לויפ אונ צינד אָנ די לאמטערנס.

מע האָט געגעבנ טימאָשנ שוועבעלעכ, אונ ער האָט זיכ ווי א קאצ ארופגעדראפּעט איבערנ שטריק־לייטער אפנ אויבער־שטנ זעגל־בוימ אונ ניט געקוקט דערויפ, וואָס דער גרעגאָ האָט שוינ שטארק געבלאָזנ, האָט ער געשיקט אָנגעצונדנ די שײַנ. דאָסזעלבע האָט ער געטונ אפנ אונטערשטנ זעגל־בוימ. דאָרבאַנ האָט אימ געלויבט:

— אָט זעסטו, אונ דו האָסט זיכ געזאָרגט. ס׳וועט זײַנ ארבעט, מירנ זיכ שטעלנ פאנגענ, וועסטו רייניקנ די פיש, וועסט זי אָראָפּנעמענ פונ די האטשעקעס.

דער מאָטאָר האָט גערודערט, אונ די שיפ האָט זיכ געלאָזט פאָרויס אינ א נײַעמ אומגעווייינלעכנ וועג. ביז איצטער האָט

א מארי̇ופּאָלער נעפּמאנ אפ דער שיפ אריבערגעפירט מאסע און האָט אָנגעשלאָגנ קעשענעס מיט געלט, און איצטער מוז זי דינענ די קאָלעקטיוויסטנ אפ פישפאנג.

דער גרעגאָ האָט געבלאָזנ. אפ די הויכע כוואליעס האָבנ ווײַסע קעמעלעכ געשטיפט. די שיפ האָט זיי פאנעגדערגעשניטנ און האָט זיכ קוימ־קוימ געהוידעט.

טימאָש איז געשטאנענ אפנ פאָדער־טייל און האָט געקוקט אפנ יאמ מיט א פארטראכטנ בליק. אָט איז פונפאָרנט אויסגעוואקסנ א הויכע כוואליע. דאָס יינגל האָט ניט ווילנדיק פארזשמורעט די אויגנ און האָט זיכ דערמאָנט אָנ יענער מינוט, אָנ דעמ טאָג, ווענ זײַנ פאָטער איז אומגעקומענ, ווענ ער האָט מיט ייעש געקוקט אפ פונקט אזא כוואליע. דאָס הארצ איז אפ א ווײַלע פארשטאָרבנ געוואָרנ. ער האָט א שטארקנ ציטער געטונ און האָט אופגעעפנט די אויגנ. די הויכע שוימיקע כוואליע האָט זיכ צעבראָכנ אינ קיל און איז ניט געבליבנ, און די שיפ האָט זיכ נאָר עטוואָס א הוידע געטונ, דעמ יינגלס פּאָנעמ האָט זיכ גלײַכ אויסגעלײַטערט, די קלײַנע זײַנענ פונ אימ אראָפּ, ס׳איז שענער געוואָרנ.

א ווילדע פרייד האָט אימ ארומגעכאפט. זײַנע טרוימענ האָבנ זיכ פארווירקלעכט. ס׳האָט זיכ געוואָלט שרײַענ, אלעמענ דערציילנ וועגנ דער פרייד. ער האָט זיכ אויסגעדרייט ארומ און ארומ—קיינער איז ניט געווענ אפנ דעק. אלע זײַנענ אריינגעקראָכנ אינ קובריק. נאָר שטיפערעשע פונקענ האָבנ זיכ צעשאָטנ אינדערלופטנ פונעמ רודערערס ליולקע אפ דער פאָדער־טייל פונ שיפ.

דעמאָלט איז טימאָש שטיל צוגעגאנגענ צו א הויכנ, גראָבנ זעגל־בוימ און האָט מיט ליבע ארומגענומענ דאָס פײַכטע האָלצ.

ער האָט, פונקט ווי די שיפ, אָנגעהויבנ א נײַעמ לעבנסוועג.

אינהאלט

	זײַט
דער יאם איז פאריאָסעמט	3
דעם פישערס אומגליק	18
אינ לעבנ	26
אמ א נײַ אָרט	39
א פרעמד שטיקל ברויט	49
באלעגופישע שפיצלעכ	59
װינטנ הארבסטיקע, װינטנ פרילינגדיקע	69
גערודער	78
אָנהייב פונ נײַעם לעבנ	88
אינ באנאכטיקער פינצטערניש	98
פראָװאָקאציע	107
אינ נײַעם װעג	119

1 רובל

5198

ЄВРЕЙСЬКОЮ МОВОЮ

І. Андрієнко

У НОВИЙ ШЛЯХ

НА ЕВРЕЙСКОМ ЯЗЫКЕ

И. Андриенко

В НОВЫЙ ПУТЬ

Українське Державне Видавництво
Нацменшостей при Президії ВУЦВК'у
„Укрдержнацменвидав"